א. לייבמאנ (לעוו).

# קאָמונע „איקאָר״

פיאָנערנ־קאָמונארנ אפנ פראָנט פונ בויענ
דעמ סאָציאליסטישנ ביראָבידזשאנ.

מעלוכע־פארלאג פונ ווײַסרוסלאנד
יידסעקטער
מינסק 1932

די ערשטע פּיאָנערן, העלדישע באַזיגער פון דער טײַגע געדידמעט.

# פאָרוואָרט.

מאקסים גאָרקי שרײַבט וועגן דעם ציקל „געשיכטע פון פאבריקן און זאוואָדנ־
פאָלגענדיקס: דער ארבעטער־קלאס פון סאָוועטנ־פארבאנד בויט אפ א גוואלדיקן שע־
טעכ זײַן סאָציִאליסטישע געזעלשאפט. צי זײַנען מיר באקאנט מיט די דערפאָלגנ
פון דער סאָציִאליסטישער בויונג? צי ווייסן מיר גוט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיכ
אפ די פאבריקן, זאוואָדנ און שאכטעס פון אונדזער גוואלדיקן לאנד? אפ דידאָזיקע
פראגנ קאָן מענ ענטפערנ בלויז אזוי: מיר ווייסן זייער שלעכט וועגן דעם, וואָס עס
קומט פאָר אינ סאָוועטנ־פארבאנד דורכ דער ארבעט און קאָנצענטרירטער ענערגיע
מיצאד מיליִאָנען פונעם ארבעטער־קלאס".

איז וואָסז־שע דארפ שוינ געזאָגט ווערנ וועגנ בירָאבידזשאנ? צי ווייסנ מיר
אלע, וואָס דאָרטנ קומט פאָר, וואָס פאר א גראנדיעזע ווערק דאָרטנ ווערנ געשאפנ?
אויסער צופעליקע יעדיִעס — גאנצ אָפט פונ צווייפלהאפטער קוואליטעט — ווייסנ מיר
לאכלוּטנ ניט וועגנ די דערפאָלגנ פונ דאָרטיקנ ייִדישנ יישעוו אפנ סאָציִאליסטישנ
פראָנט.

דאָס פאָרגעלייגטע ביכל האָט פאר א ציל פאָשעט, „אָנ פרעטענזיעס", באשרײַבנ
די קאמפ־עפּאָפייע פונ א יוגנט־קאָמונע אפ די פעלדער פונ בירָאבידזשאנ (די עט־
לעכע בילדלעכ, וואָס טרעפנ זיכ אינ פארשיידענע ערטער, דינענ בלויז אלס איליו־
סטראציע צום טעקסט). דאָס ביכל אונטערשיידט זיכ א סאכ פונ אנדערע, וואָס זײַנענ
די לעצטע יאָרנ געשריבנ געוואָרנ וועגנ בירָאבידזשאנ. ערשטנס, ווערט דאָ גערעדט
בלויז וועגנ איינ באשטימטנ קאָלעקטיוו־קאָמונע „איקאָר". צווייטנס, איז דער פארא־
נענער מאטעריאל ניט קיינ אפרייִאָרידיקער, א פאָרויסזאָגנדיקער, נאָר א רעזומע
פונ 3 יאָר ארבעט אינ בירָאבידזשאנ. דאָ געפינט אנ אָפשפיגלונג ניט בלויז די
פרייד פונ ארבעט, די באקומענע פרוכטנ און ניצכוינעס, נאָר אויכ א יאם טאָרמאָזנ
און מעניִעס — אלצ, וואָס באגלייט יעדע קאָלאָניזאציע אפ א נײַעם ווייניק באזעצטנ
באָדנ. אפ דעם צווייטנ מאָמענט האָבנ מיר זיכ אינ היסטאָרישנ איבערבליק מיט
א קיוונ אָפגעשטעלט מערער, קעדיי צו באווײַזנ, אז בירָאבידזשאנ האָט געפאָדערט
(און פאָדערט נאָכ איצט) בײַקומענ שוועריקײַטנ, וואָס קאָנענ אָבער באזײַטיקט ווערנ
באם געשטײַגערטנ ענטוזיאזם פונ רעוואָליוציִאָנערנ אופשוווּנג.

דאָס ביכל האָט זיכ צונויפגעשטעלט אפנ גרונט פונ פערזענלעכע באאָבאכטונגען,
דערציילונגענ פונ קאָמונארנ, פונ פראָטאָקאָלנ און בריוו, און דארפ פארשטאנענ ווערנ

ווי אנ אויסשעפנדיקער מאטעריאל (ניט רעכענענדיק דעמ פינאנסיעלנ באלאנס פונ דער קאָמונע, וואָס איז צוליב פארשיידענע סיבעס ניט געלונגענ צו באקומענ).

ווענ מע נעמט אינ אכט, אז ס'איז אויסגעקומענ צו שרייבנ דאָס ביכל אינ קאָמונע גופע, אפנ פראָנט פונ אייגעמענ ביראָבידזשאנ, ווענ מע מוז זיינ האסטיק, קעמפעריש, אָריענטירפייִק, באמ פעלנ אָפטמאָל פונ די סאמע מינימאלסטע מאטעריעלע מעגלעכקייטנ (ווי אנ אָרט ווו צו זיצנ, פאפיר צו שרייבנ א.ד.ג.), וועט מענ זיכער מויכל זיינ פאר דער ערטערווייז אומפארמיידלעכער סטיליסטישער ניטדערארבעטקייט אָדער טעקסטועלער ניטדערזאָגטקייט. נאָכ מער — דידאָזיקע קליינע ארבעט איז א פרווו אלזייטיק צו באשרייבנ א קאָמונע, ביפראט אינ ביראָבידזשאנ, א מוטרופ צו די קאָמונארנ אפ זייערע קעמפנדיקע פאָזיציעס, ווי אויכ א באווייז פאר די ארבעטנדיקע פונ אונדזער סאָוועטנ־לאנד אונ קאפיטאליסטישנ אויסלאנד, ווי די יידישע ארבעטנדיקע מאסנ פארוואנדלענ, אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמפארטיי, די נעכטיקע שרעקעוודיקע ווילדע טייגע אינ א סאָציאליסטישנ ארבעטער־רייאָנ אפנ וועג צומ קאָמוניזמ.

דאָס איז די אופגאבע פונ דעמ ביכל.

א ו ט ע ר.

# א קאַפּיטל געשיכטע.

## „לאָמיר ווערנ פּיאָנערנ״.

דאָס איז געווענ אינ אַפּרעל כוידעש 1928. א ברייטער געוועב פונ פרילינג האָט פאַרצויגנ די ערטערווײַז נאָכ פאַרשנייטע געבײַדעס פונ דער קוראַסאָווטשינער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול, לעבנ מינסק. דער שניי איז צוגאַנגענ אונ האָט אָנגעגאָסנ מיט יוגנט־פרייד די קורסאַנטנ (דעריקער פונ דריטנ ארויסלאָז־קורס). מע איז געווענ פול מיט האָפענונג, מיט גלויבנ. מע האָט באַטראַכט פּלענער אַמ וואָסער כיילעק פונ סאָציאַליסטישער בויונג נוצנ ברענגענ דעמ סאָוועטנ־לאַנד.

אונ דעמ 20־טנ מאַרט האָט ווי אַנ עכאָ אַפּ דעמ ענערגיע־דראַנג אונ קאַמפּ־לוסט פונ די קוראַסאָווטשינער קורסאַנטנ אָפּגעקלונגענ דער רופ: בירָאָבידזשאַנ!

מע האָט געלאָזנ די לאַבאָראַטאָריעס, אָפּגעצויגנ אַפּ די האַפּסאָקעס, זיכ גרופּירט אונ געשושקעט: „כ׳ ביינפעסט איז געקומענ פונ דער בירָאָבידזשאַנער עקספּעדיציע ער דערציילט, אַז בירָאָבידזשאַנ איז פּאַסיק באַזעצט צו ווערנ דורכ יידנ — האָרעפּאַשניקעס״.

„כעווריע, מע דאַרפ טאָנ, — האָבנ אײַנגעשטימט 12 יאַטנ מיט געזונטע מוסקולנ אונ פעסטע פּלייצעס.— מיר זײַנענ באַרופנ העלפנ דער יידישער איבערוואַנדערונג אינ נײַעמ קאַנט, וואָס די פּאַרטיי אונ סאָוועטנ־מאַכט האָבנ באַשטימט״.

אונ פונ קלאַס צו קלאַס, פונ גאָרטנ ביז כאַזער־שטאַל, ביז מינסק אונ מאָסקווע, האָט זיכ געהערט דעמ צוזאָג פונ האָרעפּאַשנער יוגנט — קאָמיוגיסטנ: „לאָמיר ווערנ פּיאָנערנ!״

א שווערנ קאַמפּ איז אויסגעקומענ פירנ מיטנ פעדראַט אונ פאָלקאָמבילד פונ ווײַסרוסלאַנד. „די לערער אונ אַסאַכ פונ שילער־קאָלעקטיוו האָבנ ניט געגלויבט, אַז אונדז וועט קלעקנ דרייסט אונ מוט פאָרנ אינ אזא ווײַטנ לאַנד, — דערציילט איינער פונ די ערשטע פּיאָנערנ פונ איקאָר כ׳ וויכבינ, איצט א סטודענט פונ בײַ־פּאָלכאָוו־קער לאַנדווירטשאַפטלעכנ אינסטיטוט.— מע האָט געשראָקנ מיט טײַגע, מיט ווילדער סטיכיע, מיט ווײַטקײַט, מיט טיגערס, מיט בערנ, געפערלעכע פליגנ, מיט טײַכנ, וואָס פליסנ מיט א בעסטיאַלישער קראַפט, פאַרניכטנ אַלצ אַפּנ וועג אונ פאַרפלייצנ די וועלדער אונ פעלדער אַרומ. גאַנצ ערנסט האָט מענ אויכ גערעדט, אַז עס זײַנענ נייטיק מענטשלעכע קאָרבאָנעס, וואָס זאָלנ דורכטרעטנ א וועג פאַר די קומענדיקע דוירעס. אָבער די קורסאַנטנ האָבנ זיכ גאָרניט געמאַכט דערפונ. מע האָט געזופּט יעדע פּרעסע־שורע, מע האָט גענישטערט יעדנ אָס, זיכ געטיילט מיט די אײַנדרוקנ.

און דעם 18־טנ אפרעל זײַנענ 12 קורסאנטנ און 2 לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אָפּגעפאָרנ פונ קוראסאָווטשטשינע קיינ מינסק. דערווײַל איז באוווסט געוואָרנ, אז ביראָבידזשאנ איז פארפעסטיקט פאר אויסשליסלעכער ייִדישער איבערוואנדערונג און די פּיאָנערנ האָבנ זיכ אינ געבײַדע פונ מינסקער „געזערד” אָרגאניזירט אינ א קאָמונע. דורכגעפירט אנ ערשטע פארזאמלונג, אויסגעקליבנ א פארוואלטונג, האָט מענ די קאָמונע אָנגערופנ „איקאָר” אפנ נאָמענ פונ דער אָרגאניזאציע פונ די רעוואָליוציאָנערע ייִדישע ארבעטער אינ אמעריקע, וואָס שטיצט די ייִדישע איבערוואנדערונג אינ פ.ס.ס.ר.

אז אלע 14 קאָמונארנ זײַנענ דורכגעגאנגענ די אָפּקלײַב־קאָמיסיע און מע האָט זיי אנערקענט פאר צוגעפאסטע, איז פאר די יאטנ קלאָר געוואָרנ, אז אינ ביראָבידזשאנ שטייט זיי פאָר א שווערע, פאראנטוואָרטלעכע און ערנסטע ארבעט. מע האָט זיכ גענומענ קלײַבנ אינ וועג. דעם 19־טנ אפרעל איז אינ מינסק פאָרגעקומענ א געזעגענונג־אָוונט, אינ וועלכנ עס האָבנ אָנטיילגענומענ די ארבעטערשאפט און די לערנ־יוגנט. מע האָט געטיילט מאטאָנעס און געווונטשנ דערפאָלג.

## אינ וועג.

דער אָפּפאָר קיינ ביראָבידזשאנ (20־טער אפרעל) איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א דעמאָנסטראציע פונ דער מינסקער ארבעטערשאפט. די פּראָלעטארישע סטודענטנ פונ ייִדאָפּטייל פונ ווײַסרוסלענדישנ מעלוכע־אוניווערסיטעט האָבנ פארלאָזנ די לימודימ און אָרגאניזירטערהייט אוועק אפנ וואָקזאל. דאָרטנ האָבנ געוואַרט ארבעטער־דעלעגאציעס מיט פאָנענ און 2 אָרקעסטערס. פאָרשטייער פונ פארטיי און „קאָמערד” האָבנ געהאלטנ רעדעס. עס האָבנ זיכ דערהערט כליפּערײַענ — דאָס האָבנ טאטעס, מאמעס, קינדער, פרויענ, ברידער, שוועסטער באגלייט זייערע אייגענע אינ „לאנד פונ פליגנ און ווײַסע בערנ, פונוואנענ ווער ווייס, צי מע וועט צוריק קומענ”. א פײַפ פונ לאָקאָמאָטיוו, און אונטער קלאנגענ פונ אָרקעסטער לאָזט זיכ די כעוורע (צוזאמענ מיט אנדערע איבערוואנדערער) אינ ווײַטנ ביראָבידזשאנ.

„צווישנ די איבערוואנדערער, — דערציילט איינער פונ די ערשטע קאָמונארנ כ׳ שלייפער, — זײַנענ געווענ פארשיידענע „מינימ” געווענ באלמעלאָכעס, ווי שוסטער, שנײַדער, פריזירער, מענטשנ אָנ פּראָפעסיעס און מיט „אומבאוווסטע” פּראָפעסיעס, פריילעכע און אומעטיקע מיט א שמייכעלע אפ די ליפּנ און מיט א כאָדנעמ גלאנצ אינ די אויגנ. די באלמעלאָכעס האָבנ געברענט פאר אומגעדולד, אפילע אינ פּאָסטשטוואגאָנ האָט מענ זיכ צעליינט מיט גאנצע „ווארשטאטנ”.

קעדיי צו כאראקטעריזירנ א טייל פונ די פּאָרער, דערציילנ כעוורע אזא עפּיזאָד: איינער א „באלמעלאָכע” איז, נעבעכ, ארײַנגעפאלנ מיט ווײַנ פאכ. אז מע האָט אימ געפּאקט בא דער האנט און באמ פּראָטאָקאָל שרײַבנ געפרעגט דעם נאָמענ, האָט ער קאלטבלוטיק געענטפערט: מײַנ נאָמענ איז „לעכאָ־דוידי”, די פאמיליע — „ליקראס־קאלאָ”, פאָטערס נאָמענ — „פּניי־שאבאָס נעקאבלאָ”. אלע האָבנ זיכ פאנאנדערגעלאכט און דער ייִד איז ארויס ריינ... אָט אזעלכע טיפּנ האָבנ זיכ געפונענ.



די ערשטע פּיאָנערן.

ס'דאָרף אָבער זײַנען עס געווען מענטשן האָרעפּאַשניקעס, אַרבעטזאַמע אָרעמע־שאַפּט, אויך אַרבעטער.

אין לאַנגדויערדיקן וועג זײַנען די קאָמונאַרן געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע. דעם 1־טן מײַ איז שוין אין וואַגאָן דורכגעפירט געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג. פּראָדוקטן פלעגט מען באַקומען אָרגאַניזירטערהייט און מיט אַ פּלאַנמעסיקן דיסקאָנט. מע האָט אויך דורכגעפירט פאַרשיידענע פרײַלעכע שפּילן, שמועסן; עס האָבן זיך געשאָטן אַנעקדאָטן, מײַסעס, וויצן.

אַף דער סטאַנציע טיומען האָט מען זיך איבערגעזעצט אין אַזוי גערופענע טעפּ־לושקעס, פּאַקטיש פראַכט־וואַגאָנעס, ווו עס פאָרן פּאַסאַזשירן. אַף אַלע סטאַנציעס איז מען געשטאַנען לאַנג און די מענטשן מיט די פאַרשיידענע „פּראָפעסיעס" האָבן געהאַט אַ מעגלעכקײַט ברייט צו רעקלאַמירן זייערע „פּאַכן". דאָרטן האָט מען שוין אויך געקענט באַמערקן „אָנפּראָפעסיעדיקע" ייִדן, ווי זיי גייען אַרויס מיט אַ הייז און אַ העמדל אַפן גאַס.

דעם 13־טן מײַ זײַנען די קאָמונאַרן נאָך אַ 22־טאָגיקן וועג אָנגעקומען קיין טיכאָנקע.

## די ערשטע באַגעגעניש.

אַז מע איז געקומען אַפן אָרט, זײַנען געשטאַנען וואַרעמע מײַ־טעג. אַף אַ פּלאַ־ניקן פּלאַץ לעבן דער סטאַנציע האָט מען אויפגעשטעלט בײַדלעך און גענומען באַ־טראַכטן דעם אַרום. עס איז פאָרגעקומען אַן „אָנטוישונג". קיין טויט־ברענגענדיקע פליגן זײַנען ניט געווען. בלויז די קליינע „מאָשקאַ" האָט אָוונט־צײַט אַביסל זיך געלאָזט פילן און דערמאָנט וועגן ביראָבידזשאַן. אויך קיין ווילדע חיות האָט מען ניט באַ־געגנט. אַ ריינע קוויִלעכדיקע זון האָט זיך געזאַצקעט אין בלויען הימל און דורכ־געווייקט די לופט מיט אַן אָנגענעמער קלאָרקײַט. פאַרנאַכט־צו האָט אימעצער אַרויס־געכאַפּט אַ האַרמאָשקע, כעווריע האָבן געמאַכט אַ ראָד און צוזאַמען מיט די האַר־מאָשקע־קלאַנגען, האָס האָבן זיך צעגאָסן איבער די אַרומיקע סאָפּקעס, זיך געוואָרפן אין „אינטענסיווע" און „עקסטענסיווע" מענער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַוועק אַ רעגן.

ווו באַהאַלטן זיך? אין די בײַדלעך ווערט מען דורכגעווייקט דורך און דורך, איבערגעץ לאָזט מען ניט. „האָבן מיר לאַנג ניט געוואַרט,—דערציילט דער כ' באַלאַק, אויך איינער פון די ערשטע קאָמונאַרן,—און זיך געווענדט צום דאָרטיקן אײַזנבאַן־קלוב. אָבער מע האָט דאָרטן ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן. האָבן מיר אויפגעבראָכן די טיר און זיך באַהאַלטן „ניטגעבעטענערהייט". אין אַ 4 טעג אַרום, אַז דער רעגן האָט אויפגעהערט, זײַנען ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן בײַדלעך אונטערן פרײַען הימל, אָבער שוין אַף אַן אַנדער אָרט.

קעדיי ניט פאַטערן קיין צײַט, האָבן כעווריע צונויפגענומען די רעשט געלט, וואָס איז זיי פאַרבליבן נאָך פון די סטיפּענדיעס אין שול, גענומען אין „געזערד" 200 רובל קרעדיט און אײַנגעקויפט די ערשטע קיכ־מאַכשירים. דעם 15־טן מײַ האָט מען

דורכגעפירט אנ אלגעמײנע פארזאמלונג, אפ װעלכער עס איז געשטאנענ די פראגע, װי אװעקצושטעלנ די ארבעט אינ קאָמונע, און גלײַכ זײַנענ די „איקאָרצעס" צוזא־מענ מיט אנדערע איבערװאנדערער אװעק פאריכטנ די װעגנ. א טײל איבערװאנדע־רער האָט געװאָרפנ די שװערע נאסע ארבעט. אָבער די קאָמונארנ צוזאמענ מיטנ גרעסטנ טײל איבערװאנדערער, און א טײל קורסאנטנ פונ האָמלער פּעדטעכניקומ, זײַנענ געבליבנ אפ די פּאָסטנס ביזנ סאָפ.

אינ דער־זעלבער צײַט האָט „געזערד" פאַרגעלײגט פערד פאר דער װירטשאפט. גאנצענע טעג זײַנענ די יאטנ געלעגנ אפ דער „געזערדישער" פערד־באזע און גע־קליבנ פאר זיכ „העלפער" אינ דער קומענדיקער ארבעט. אָבער עס זײַנענ געװענ זײער אסאכ גוטע פערד, אזױ, אז מע איז געװענ אינ א פארלעגנהײַט, װעלכע זײַנענ בעסער, װעלכע אויסקלײַבנ. מע האָט גענומענ 2 פערד, געקױפט װעגענער און גע־פירט זאמד אפנ „נאסיפּ". אנ אנדער גרופּע האָט געגראָבנ קאנאװעס און גערײניקט דעמ װעג טיכאָנקע—בירעפעלד.

דאָס האָט געדױערט ניט קײנ לאנגע צײַט, װײַל אינ 2 װאָכנ ארומ איז די קאָמונע אריבער אפנ בירער פּרוװ־פעלד—60 קילאָמעטער פונ טיכאָנקע. מע האָט באקומענ נאָכ 3 פערד און די שלעפּ־קראפט איז שױנ באשטאנענ פונ 5 פערד. איצט האָט מענ זיכ אײַנגעאָרדנט אינ באראקעס און זיכ פארנומענ צײַטװײַליק מיט שנײַדנ און פירנ קלעצער פארנ פּרוװ־פעלד. דער פארדינסט איז געװענ גאנצ גוט.

אינ יענער צײַט האָבנ די קאָמונארנ אויסגעטײלט פונ זײער באשטאנד 3 כעװרע־לײַט פאר אינסטרוקטערנ אפ די ערד־כאלאָקימ, װאָס זײַנענ באשטימט געװאָרנ פאר איבערװאנדערער. אײנער איז אָנגעקומענ פאר א טראקטעריסט אפ די בירעפעלדער טראקטער־קורסנ.

די יאטנ האָבנ באמערקט, אז אסאכ אָפּפאל־שטאָפנ גײענ פארפאלנ סײַ בא זײ, סײַ בא די שכײנים איבערװאנדערער. דאָס איז זײ ניט געפעלנ געװאָרנ און מע האָט א פאָדער געגעבנ בא דער פארװאלטונג: „מיר קאָנענ שױנ עסנ אומזיסטע כאזער־פעטס, א פּאָר כאזײרימ אהער!" און די ערשטע 2 כאזײרימ האָבנ זיכ בא־װיזנ אינ דעמ גרױסנ בירעבידזשאנער רײַאָנ בא די קאָמונארנ—„איקאָרצעס". אפ אזא אופנ האָבנ זײ כעװרע שפּילנדיקערהײַט, אראנק די אָפּפאל־שטאָפנ, געהאט כאזער־פעטס און פלײש. אָבער דאָס האָט ניט באפרידיקט די קאָמונארנ. די יונגע כעװרע זעענ, אז אזא ארבעט טויג ניט, אז אפ אזא װעג װעלנ זײ ניט אופבויענ קײנ מוסטער־קאָמונע, האָט מענ צונויפגערופנ א פארזאמלונג און באשלאָסנ אויס־קלײַבנ זיכ אנ אײגענעמ ערד־כײלעק. מע האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ דעמ אזױ־גערו־פענעמ „סטעפּנױ אוטשאסטאָק" אינ בירעפעלדער רײַאָנ—3 קילאָמעטער פונ בירע־פעלדער פּרוװ־פעלד. דער אָרט איז, ערשטנס, געפעלנ געװאָרנ צוליב גוטנ באָדנ, צװײטנס, האָט מענ גערעכנט, אז דאָרטנ װעט װערנ דער צענטער פונ דער איבער־װאנדערונג.

אינ יענער צײַט זײַנענ אָפּגעפאלנ 2 יאטנ (אײנער פונ זײ איז אװעק אפ דער פּראָדוקציע), אפ זײער אָרט איז באלד צוגעקומענ א נײַער קאָמונאר און 2 מײדלעכ, און די צאָל כעװרע האָט שױנ באטראָפנ 15. איצט האָט מענ זיכ גענומענ גרײטנ.

אופבויענ א הויז. שווער איז אָנגעקומענ באקעמפנ דעמ בירָאבידזשאנער ווילדנ וואלד. אָבער קלעצער נאָכ קלעצער האָבנ זיכ געצויגנ פונ טײַגע; פונ שאָ צו שאָ, פונ טאָג צו טאָג אלצ מער. נאָכ ברעטער איז מענ געפאָרנ אפנ 22־טנ קילאָמעטער, אינ „שטאב פונ גנומ", ווי די איבערוואנדערער האָבנ דעמ אָרט אָנגערופנ. דערצו האָבנ געדינט 2 פערד. די איבעריקע 3 האָבנ געפירט קלעצער „אפ פארדינסט". אינ א צײַט ארומ האָבנ די קאָמונארנ געקאָנט דינגענ אָרמיקע בויער. „געזערד" האָט געגעבנ קרעדיטנ אונ אינ יול כוידעש איז שוינ פארטיק געווענ א הויז מיט א שטאל פאר פערד, וואָס האָט צוזאמענ פארנומענ א קוואדראטור 20×12 ארשינ.

אינגאנצנ 15 „איקאָרצעס" אונ אומעטומ זײַנענ זיי געווענ פול. דער האָט גע־אקערט, דער האָט געפירט קלעצער, אייניקע האָבנ געפירט ברעטער, געקאָסעט, געקאָכט, ביז עס איז פארזייט געוואָרנ א האלבער העקטאר קארטאָפל, אָנדערהאלבנ העקטאר גריקע אונ מע האָט אופגעהייבנ אנ ערעכ 3 העקטאר רויערד.

## דורכ ארבעט—געזיגט.

גלײַכצײַטיק האָט זיכ ניט אָפגעשטעלט די ארבעט באמ שנײַדנ היי לעמ טײַכל אושומונ, וואָס פאלט ארײַנ אינ בירָא. לויטנ ווירטשאפט־פלאנ אפנ יאָר 1929 האָט די קאָמונע באקומענ א פיצוכט־אָפנייג. צו דעמ צוועק האָט מענ געדארפט צוגרייטנ א געוויסע צאָל היי. דער כוידעש יול איז אָבער געווענ א רעגנדיקער, די לופט—פול מיט „מאָשקא" אונ קאָמארנ, עס איז שווער געווענ צו אויספילנ דעמ פלאנ פונ היי־שניט. די זונ פלעגט שטארק ברענענ אונ פונ די פארהאָרעוועטע קאָמונארנ פלעגנ גיסנ זמערס וואסער. שמוציקע בלאָטעס האָבנ אָפט געדינט פאר א וואסער־רעזערוואר. דעריבער האָבנ קימאט אלע קאָמונארנ (צוזאמענ מיט אנדערע איבערוואנדערער) איבערגעקרענקט אפ דעזינטעריע. אָבער מע האָט ניט געלייגט קיינ אכט דערופ.

איידעס דערציילנ וועגנ דער גוואלדיקער איבערגעגעבנקײַט, וואָס די איבער־וואנדערער האָבנ ארויסגעוויזנ צו דער ארבעט. מע גיט איבער אזא פאקט: אינ איינעמ א שיינעמ זונענדיקנ טאָג האָט מענ געמוזט פארענדיקנ א סטויג היי. דאָס איז געווענ א שווערע אופגאבע פאר די קאָמונארנ, ווײַל קימאט אלע זײַנענ געוואָרנ אויסגעמאטערט פונ דעזינטעריע, אייניקע זײַנענ נאָכ געווענ קראנק. איינער, כ' דראָ־גינסקי (א קאָמונאר), איז געשטאנענ אפנ סטויג אונ איז פונ אויסגעמאטערטקײַט געפאלנ אינ כאלאָשעס, א האלב־טויטנ האָט מענ אימ געבראכט אהיימ. אָבער דאָס האָט ניט געקאָנט אָפהאלטנ די קאָמונארנ פונ טאָנ זייער ברענענדיקע ארבעט. אינ יענער צײַט האָט זיכ פארשפרייט די עפידעמיע פונ סיבירער פעסט. צענדליקער פערד פלעגנ פאלנ בא די איבערוואנדערער אונ אינ מעשעכ פונ איינ כוידעש זײַנענ זיי געבליבנ אָנ איינ פערד. די „איקאָרצעס" האָבנ געמוזט אײַנהיטנ די אייגענע „טאטעס" (אזוי האָט מענ אָנגערופנ די פערד). צו דעמ צוועק האָט מענ זיי ארײַנ־געשטעלט אינ שטאל אונ ניט ארויסגעלאָזנ אינ פעלד, זאָרגעוודיק געהיט. אינ רעז־ולטאט זײַנענ אלע קאָמונארישע פערד, נימ געקוקט אפ דעמ, וואָס „איקאָר" האָט זיכ געפונענ אינ צענטער פונ דער מאגייפע, גאנצ געבליבנ.

אינטערעסאַנט, אַז אייניקע קאָלעקטיוון, ווי צום בײַשפּיל „פּאָבעדאַ", האָבן זיך באַמיט אויסנוצן דעם מאָמענט און אַוועקפֿאָרן פֿון ביראָבידזשאַן; אָבער דאָ ווײַזט זיך דאָס פּאַרטייִשע קעמערל, וואָס גיט אַ באַפֿעל: אַלע קאָמיוניסטן און פּאַרטייִער מוזן פֿאַרבלײַבן אויף די ערטער.

עס הייבן זיך אָן אַ שיר שווערינקײַטן פֿאַר די יונגע, העלדישע קאָמונאַרן, וואָס זײַנען באַגײַסטערט מיטן אײַנציקן ווילן צו שאַפֿן און בויען. פּונקט אין דעם יאָר מאַכט זיך, אַז שוין אין האַלבן יולי ברעכן אויס גרויסע, וואָכן־לאַנגע גוס־רעגנס; עס אַנטשטייען גרויסע פֿאַרפֿלייצונגען. די טײַכן אַמור און בירע גייען אַרויס פֿון די ברעגן, גלײַכצײַטיק גוואַלדעוועט דער „גנוס". דער קאָמונע קומט אויס צו פֿירן אַ קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ מיט די גרויסע שוואַרצע אָוואָדן, מיט די קאָמאַרן, מיט דער בײַסנדיקער „מאָשקאַ" און קריכעדיקן „מאָקרעץ". מע פֿלעגט זיך שטיקן אין רויך פֿון די רויך־שײַטערס, וואָס פֿלעגן פֿאַרטרײַבן די מיליאַרדן אינזעקטן. אָפֿט האָט מען געמוזט פֿאַרלאָזן די געבײַדעס און זוכן אַ רויִקע באַהעלטעניש. עס פֿלעגן אויסקומען גאַנצע נעכט ניט צו שלאָפֿן.

כ' שלייפֿער דערציילט: „איך פֿלעג האַלטן פּאַסאָן, איך פֿלעג אַרײַנקריכן אין אַ ליידיקן שטרוי־זאַק און פֿאַרבינדן פֿון אינעווייניק, קעדיי די קאָמאַרן זאָלן ניט האָבן קיין צוטריט. דערבײַ פֿלעגט שווער זײַן צו אָטעמען".

דער „גנוס" האָט באַדעקט אַלע וועגן. די טעג זײַנען געווען כמאַרנע, הייסע, און אין אַזעלכע טעג צעלאָזן זיך די קאָמאַרן און לאָזן ניט לעבן. אין יענער צײַט זײַנען צוויי קאָמונאַרן געפֿאָרן אויפֿן 18־טן קילאָמעטער פֿון בירעפֿעלד (אַן ערך 30 קילאָמעטער פֿון טיכאָנקע). עס איז געווען נאָך אַ רעגן, דער וועג זייער בלאָטיק. די יאַטן האָבן מיט צאָרעס אײַנגעשפּאַנט פֿערד, אָנגעלאָדן אויף די וועגענער ברעטער און זיך געקליבן אַפּצוריק. דאָ איז אָבער אָנגעקומען די נאַכט, שוין שפּעט צו פֿאָרן. אין דער פֿינצטערער טיף־לאַנגער טײַגע. אין דער שטילקײַט און קילקײַט פֿון דער נאַכט האָבן זיך געקליבן קאָמאַרן און סטײַעסווײַז געשוועבלט אין פֿינצטערן כאָלאָל. מע האָט געמוזט נעכטיקן. די יאַטן האָבן פֿאַנאַנדערגעלייגט אַ שײַטער, אָנגעקאָרמעט די פֿערד און זיך געלייגט אויפֿן נאַסן גראָז. איינער פֿון זיי, מיט פֿעסטע ביינער, האָט זיך אײַנגעטוליעט אין אַ שינעל, דערנאָך אין אַ רעגנמאַנטל, אײַנגעדרייט אין שטריק, אַפֿילו ניט פֿאַרגעסן צו פֿאַרבינדן די כאָליאַוועס פֿון די שטיוול. דער צווייטער האָט זיך געפּאָרעט בײַ די פֿערד. מיטאַמאָל — אַ האַרצרײַסנדער געוויין. לעכאַטכילע מיינט דער יאַט, אַז אַ ווילדע חיה האָט זיך געלאָזן נאָך זײַן כאַווער און וויל אים אויפֿרעסן, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן ראַטעווען. אָבער ניין! זײַן כאַווער איז געלעגן אויפֿן גראָז און ביטערע טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון זײַנע אויגן. ביידע האָבן קוים דורכגעקלאַפּט די נאַכט, זײַנען אומגעלאָפֿן הין און צוריק. ווען מע איז אינדערפֿרי צוגעגאַנגען צו די פֿערד, זײַנען זייערע קערפּערס פֿול געווען מיט שטיקער פֿאַרגליווערטע בלוט.

די יאַטן איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך אויך מיט ווילדע חיות. אין ראַיאָן פֿון בירעפֿעלד איז צוגעלאָפֿן אַ רוסישער פּויער צו אַ גרויסן בוים און שרײַענדיק: „אַרויס, אַרויס" גענומען אַרויסטרײַבן פֿון אונטערן בוים אַ גרויסן שוואַרץ־לאַפּעדיקן בער. די יאַטן זײַנען פֿאַר טויט־שרעק אָפּגעלאָפֿן. אָבער דער

„נינענ״, ווײַל די מאָשקא און מאקרעצ האָבנ געענדערט דעמ קאָליר פֿונ איר הויט. לעמ טיכאָנקע האָט דאָס וואסער באדעקט די ברעגנ און געפֿלאָסנ מיט א שנעלקײַט פֿונ 30 קילאָמעטער אינ א שאָ. עס זײַנען געשוווּמענ ביימער, אויסגעריסענע מיט די וואָרצלענ, גאנצע געבײַדעס און אָפֿט אפֿילע שטוביקע כײַעס און פֿי. דער פֿאראָמ איז געווענ אָפּגעטראָגנ. וואָס טאָנ? מע האָט זיכ געמוזט אנטשליסנ איבערלאָזנ דעמ פֿערד אפֿנ ברעג און אלײנ איבערשווימענ אפֿ א שיפֿל. דערווײַל זײַנען אָנגעפֿאָרנ עטלעכע פֿורנ מיט אײניקע „געזערד״־טוער. נאָכ פֿיר טעג אומזיסטנ וואַרטנ, ביז בירא וועט ארײַנ אינ די ברעגנ און וועט פֿרײַ מאכנ דעמ וועג אינ בירעפֿעלד, האָבנ זיכ סאָפֿקאָלסאָפֿ אלע צוזאמענ געלאָזנ אינ וועג. פֿאָרויס איז געפֿאָרנ די „געזערדישע״ פֿור מיט די כאווײרימ פּראָפֿעסאָר קונצ און ראָבינסאָנ. מע האָט אָבער ניט באוויזנ צו אָפּפֿאָרנ קײנ 2 קילאָמעטער, ווי די פֿור איז פֿארגאָסנ געוואָרנ מיט וואסער. „א קאָמונאר מוז העלפֿנ״ געזאָגט און געטאָנ: דער יאַט טראכט ניט לאנג, ווארפֿט אראָפּ די קלײדער און לאָזט זיכ ראטעווענ.

גלײַכצײַטיק האָבנ זיכ אפֿנ קאָמונארס וואָגנ געפֿונענ 2 איבערוואנדערער—א באָכער מיט א מײדל, וואָס האָבנ געבעטנ אָפּפֿירנ זײ קײנ „סטעפּנאָיע״. דער טײַכ האָט געברויזט און געקאָכט מיט א גרויסנ שטראָמ, און ווענ דער קאָמונאר—דער „איקאַראָוועצ״ איז נאָכ ראטעווענ צוריקגעקומענ אפֿנ אנדערנ ברעג, האָט ער דערזענ אזא בילד: די וואָגנ־דראָגעס זײַנען אָפּגעריסנ פֿונ פֿאָדער־כײלעק און שווימענ אינ שטראָמ. די צוויי זיצנ האלב אינ וואסער און א פֿרויענ־קאָל שרײַט היסטעריש: ראטע־וועט... עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז, ניט האָבנדיק קײנ געדולד צו וואַרטנ, האָבנ זײ געלאָזנ דעמ פֿערד אינ וואסער. דער יאַט צוזאמענ מיט די „געזערדישע״ באלעגאָלעס האָט זיכ געלאָזנ נאָכ די דראָגעס און אָנגעכאפּט זײ צוזאמענ מיט די צוויי מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ געטורונקענ, אָבער דערפֿאר זײַנען אינ טײַכ ארײַנ אלע זיסע און גוטע זאכנ, געלט און געטראנקענ... פֿארבליבנ איז בלויז אביסעלע בראנפֿנ, אפֿ וועלכנ עס איז געלעגנ אינ אָנמאכט די פֿארכאלעשטע פֿרוי. דער קאָמונאר איז געשטאנענ לעבנ וואָגנ און האָט נעבעכ באדויערט די קלײדער, די געלט. ער איז אהײמ געקומענ אינ אײנע אונטער־וועש...

אָבער דערפֿאר איז די פֿײַערונג דורכגעגאנגענ ביז גאָר פֿרײלעכ. מע האָט געטײלט מאטאָנעס און די שטימונג איז געווענ א געהויבענע. אפֿנ פֿײַערלעכנ אָוונט איז דער פֿאָרזיצער פֿונ דער קאָמונע ארויסגעטראָטנ פֿאר די פֿאָרשטײער פֿונ די איבערוואנדערער, קאָלווירטניקעס און געסט, מיט א באריכט וועגנ דער אָפּגעטאָנענער ארבעט.

ער האָט שוינ געקאָנט אָנווײַזנ, אז מע האָט אָפּגעשניטנ 15 הונדערט פּוד היי. און ווידער איז אוועק א צײַט פֿונ שווערער אומדערמידלעכער ארבעט, אָבער פֿול מיט פֿרײד און ענטוזיאזמ. סאָפֿ סעזאָנ האָט מענ פֿארענדיקט דעמ היישניט, געפֿירט היי און קלעצער פֿונ טיכאָנקע קײנ בירעפֿעלד (פֿאר א פּוד היי האָט מענ געצאָלט 90 קאָפּיקעס). די 2 מײדלעכ זײַנען אוועק, האָט מענ צוגענומענ א רוסישע מײדל אפֿ ארבעט.

נאָכ דעמ, ווענ אינ בירעבידזשאנ האָבנ זיכ געשטעלט גוטע, הארבסטיקע וועטערנ און בײַ די איבערוואנדערער זײַנענ די פֿערד אוועקגעפֿאלנ, איז דער קאָמונע

„איקאָר״ אויסגעקומענ מיט אייגענע קויכעס צושטעלנ די גאנצע מאסע פונ טיכאָנקע אינ דער בירעפעלדער קאָאָפּעראציע. מע פלעגט פארדינענ בא 100 רובל פאר איינ-מאָל דורכפאָרנ אפ 5 פערד. נאָכדעם האָט די קאָמונע זיכ אָנגענומענ בא דער קאָנ-טאָר פונ „געזערד״ שניידנ אונ לייגנ געהילצ.

סאָפ אווגוסט 1928 יאָר האָט דער בירעבידזשאנער ראַיקאָלווירט-פארבאנד אָפּ-געלאָזנ פאר דער קאָמונע 2500 רובל, אונ די קאָמונארנ האָבנ באשלאָסנ איינצוקויפנ בעהיימעס. אָבער דאמאלט האָט מענ זיכ דערפונ אָפּגעהאלטנ, ווייל עס האָט נאָכ אלצ געהערשט די סיבירער פעסט. ערשט איצט האָט מענ אָנגעהויבנ טראכטנ וועגנ פארגרעסערנ די טשערעדע. 2 יאטנ זיינענ אויסגעטיילט געוואָרנ אפ פאָרנ אינ טיפ סיביר נאָכ בעהיימעס. זיי האָבנ אינ אָטשינסק געקויפט 10 שטיק, אנ עלפטע האָט מענ געקראָגנ בא אנ אָרטיקנ רוסישנ איינוווינער. אפנ אָרט איז אויסגעבויט גע-וואָרנ א קי-שטאל מיט דענישע שפּיז-קעסטלעכ אונ ד. גל. ווענ מענ האָט געבראכט די ערשטע פארטיע בעהיימעס, איז שוינ אלצ געווענ גרייט. דעם שטאל האָט מענ געהאלטנ אינ אזא אָרדענונג, אז אלטע איינוווינער פלעגנ, דורכפאָרנדיק, מוזנ אראָפּ-שפּרינגענ, קעדיי א קוק צו געבנ, וויאזוי עס שטייענ די בעהיימעס. עס האָט זיכ געטראָפנ, אז אלטע פויערים פלעגנ זיכ אָנהייבנ אזש וווּנדערנ אונ זאָגנ: „אָט ווי מיר דארפנ זיכ לערנענ בא די יונגע קינדערו!״ די מילכ פונ די ערשטע בעהיימעס פלעגנ די יאטנ אָפּגעבנ אינ דער בירעפעלדער קאָאָפּעראציע.

איצטיקנ זיינענ נאָכ צוגעקומענ 2 פערד אזוי, אז זייער צאָל האָט שוינ בא-טראָפנ 7.

באלד איז אָנגעקומענ דער ווינטער. אָבער עס איז געווענ ווייניק שניי אונ די אָנגעמערקטע וואלד-פארגרייטונגענ זיינענ צוגעגאנגענ זייער פאמעלעכ. דאָכ האָט מענ ארויסגעפירט 250 קלעצער. דער פראָסט האָט געגליט ווי אייזנ, די טעמפּעראטור פלעגט אָפט דערגרייכנ מינוס 45, צו וואָס די פונ ווייסרוסלאנד געקומענע קאָמו-נארנ זיינענ ניט געוווינט געווענ. גאנצ אָפט פלעגט מענ באגעגענענ א יאט מיט אנ אָפּגעפרוירענער באק, נאָז, בלייכע אָפּגעטויטע אויערנ; אנדערע פלעגנ אָפּפרירנ הענט, פיס. אָבער מע איז איבערגעקומענ. די געזונטע ארבעט-מוסקולנ האָבנ זיכ צוגעוווינט ניט בלויז צום שטילנ סמאלענ פונ טרוקענעם פראָסט, נאָר אפילע צום הודזשעדיקנ ווינט-געווירבל פונעם ווייטמיזרעכדיקנ „טייפונ״.

דעם 18-טנ מארט 1929 האָט דער „געזערד״ פאָרגעלייגט דער קאָמונע איבערקלייבנ זיכ אפ אנ אנדער אָרט. מע האָט איר אָנגעוויזנ אפנ דזשוניאָווער פרווו-פעלד (9 קי-לאָמעטער פונ סטאנציע וואָלאָטשייעווקע, 40 קילאָמעטער פונ כאבאראָווסק). ביי טנ צארדזשם איז אפ דעמדאָזיקנ אָרט געווענ אנ אזוי גערופענער „פלעמענאָי ראסאדניק״ אונ איז אינ יאָר 1915 פארוואנדלט געוואָרנ אינ א פערמע, ווו עס האָבנ זיכ געפי-נענ פערד, בעהיימעס, כאזיירים. דאָס אלצ האָט מענ געהאָדעוועט פארנ מיליטע-רישנ געברויכ אונ אונטערנ גענעראלישנ שטיוול האָבנ געארבעט עטלעכע צענדליק באטראקעס. בייסנ בירגער-קריג זיינענ אינ וואָלאָטשייעווקע פארגעקומענ קאמפנ צווישנ די רויטע פארט-זאנער אונ אימפּעריאליסטנ. דער אָרט איז געווענ א צענטער פונ רוסישער איבערוואנדערונג.

לעכאַטכילע האָט מענ זיכ ניט אזוי שטארק אָנגעכאפט אָנ דעמדאָזיקנ אָרט. די ווירטשאפט, וואָס מע האָט מיט אזויפיל מאטערניש אופגעבויט אפ „סטעפנאָי”, איז טײַער געווענ בא יעדנ איינציקנ קאָמונאר, דאָכ האָט די קאָמונע אויסגעטיילט 2 כאווײרימ אפ צו באקוקנ דעמ אָרט. דער שעטעכ איז זיי געפעלנ געוואָרנ. דער באָדנ איז געווענ א היפשער, א גוטער. א קילאָמעטער 5 פונ אָרט האָט זיכ געצויגנ דער טײַכ טונגוסקע מיט אסאכ פיש, 25 קילאָמעטער ווײַטער האָט געבלאנקט מיט זײַנע וואסערנ דער טײַכ אמור. אונ געשפיגלט די הייכע בערג אמור. די כאווײרימ האָבנ אינ דעמ פארלאָזענעמ פרווו־פעלד (ווו עס איז פאר א זייכער פונ וויסנשאפטלעכע באָבאכטונגענ געבליבנ בלויז א פלוגער—אפ ווײַזנ די ריכטונג פונ ווינט) געטראָפנ 2 הײַזער, א פערד־שטאל, א בעהיימע־שטאל, א כאזער־שטאל, א סקלאד, א געבײַדע פאר געפליגל אונ א באָד.

## אפנ נײַעמ באָדנ.

סאָפ אפרעל האָט מענ זיכ גענומענ איבערקלײַבנ אפנ נײַעמ אָרט. צו דער צײַט האָט די קאָמונע דיסקאָנטירט די רעזולטאטנ פונ 1928 ארבעט־יאָר. איר ווירטשאפט איז באשטאנענ פונ 11 בעהיימעס, 7 פערד, 2 קעלבער אונ... א האָנ (וואָס מע האָט געקויפט אינ דאָרפ באבסטאָוואָ לעבנ בירעפעלד). עס זײַנענ אויכ צוגעקומענ איייניקע לאנדווירטשאפטלעכע מאכשירימ (ראנדאלנ, בראָנעס, אקערס אונ אנד.) די סומע קרעדיטנ, מיט וועלכע מע האָט אויסגעבויט די ווירטשאפט, האָט באטראָפנ 40 טויזנט ר. ארויסגעקויזנ האָט זיכ אויכ א דעפיציט פונ 2 טויזנט רובל.

נאָכ דעמ 20־טנ מײַ האָט די קאָמונע פארקויפט דעמ הויז מיטנ שטאל אינ סטעפנאָי דעמ „געזערד”. אפ די אויסגעלייזטע געלט אונ די נײַ־באקומענע קרעדיטנ האָט מענ געשיקט 2 יאטנ אײַנצוקויפנ בעהיימעס. זיי האָבנ פונ סיביר געבראכט 22 שטיק, ווי אויכ אויסשטאטונג פאר א מילכיקערײַ. איצט זײַנענ צוגעקומענ נאָכ 2 פערד אונ זייער צאָל האָט שוינ באטראָפנ 9.

אינ דער צײַט האָט די קאָמונע אוועקגעשיקט א קאָמונאר קיינ ווײַסרוסלאנד ווערבירנ מענטשנ אונ מע האָט זיכ געקליבנ צו א גרויסער ארבעט. אָבער אפנ נײַעמ אָרט האָט די קאָמונע זיכ באגעגנט מיט פרישע שוועריקײַטנ. מע האָט געדארפט דערלערנענ דעמ באָדנ, דעמ קלימאט, אפילע די מענטשנ. די ארומיקע אלטגעזעסענע רוסישע באפעלקערונג האָט אלץ געקוקט מיט גרינגשעצונג אונ אומגלויבנ אפ די מאָגערע יידישע באַכערימלעכ, וואָס ווילנ אינ דער ווילדער טײַגע אופטאָנ זאכנ, וועלכע זיי, לאנגאָניקע פויערימ, קומט אָנ מיט גרויסע שוועריקײַטנ. א טייל האָבנ געלאכט, טײַנענדיק: „איר וועט אָפזײַנ עטלעכע טעג אונ וועט אנטלויפנ צוריק”. די קאָמונארנ האָבנ דערופ געענטפערט מיט א געלעכטער אונ געזאָגט: „איר וועט זענ שפעטער”—אונ אזוי איז געווענ.

מע האָט אָבער די קאָמונארנ אופגענומענ גוט, קימאט פרײַנטלעכ.

די ערשטע פארזיי־קאמפאניע אפ דער טעריטאָריע פונ דעזשניאָווער פרווו־פעלד איז, עמעס טאקע, דורכגעגאנגענ ניט גלענצנדיק. ניט אויספאָרשנדיק די ערד־כאלאָקימ, האָט מענ אפ זיי געזייט קולטורנ, וועלכע מע האָט ניט געטאָרט זייענ; מע האָט געאקערט אונ געשניטנ אינ אזעלכע ערטער, וואָס מע האָט אינמיטנ געמוזט וואַרפנ.

דער שע טעכ פונ „איקאָר" האָט פאַרמאָגט א טעריטאָריע פונ 2400 הא. פארנ פארנע־
מענ דעם אָרט האָט מענ געזאָגט, אז 25 הא זײַנעג שוינ אופגעאקערטע, אָבער, אז מע־
איז צוגעטראָטנ זייענ, האָט מענ געפונענ בלויז אנ ערעכ 15 העקטאר בלאָטיקע ערד.
עס איז אויסגעקומענ צו קאָרטשעווענ די „ראָלקע" (א העכערער אָרט, וואָס הויבט
זיכ אופ פונ דעם ארומיקנ בלאָטיקנ באָדנ)—9 העקטאר. געקאָרטשעוועט האָט מענ
מיט הוילע הענט. אינ יענער צײַט איז שוינ געווענ א קליינער „קלעטראק"־טראקטער,
וואָס דער „געזעורד" האָט געגעבנ. אינ פרוור־פעלד האָבנ זיכ געפונענ עטלעכע מאַ־
שינעס, ווי: א זיי־מאשינ, אקערס, א טריער (אפ ריינ יקנ טווע), א סאָרטיר־מאשינ,
א דרעש־מאשינ, דיסקנ־בראָנעס, ראנדאלנ. דאָס אלצ האָט מענ אויסגענוצט צו דער
ארבעט. אפ די 15 העקטאר טריקענערע ערד האָט מענ פארזייט ווייצ, האָבער, קאר־
טאָפל (9 העקטאר), 4 העקטאר גערטנערײַ־קולטורנ (אוגערקעס, פאָמידאָרנ, מערנ,
בוריקעס, כוידעש־רעטעכלעכ). ניט וויסנדיק די אָרטיקע באדינגונגענ, זײַנענ די קאָ־
מונארנ ארויסגעפאָרנ שפעט אפנ היי־שניט אונ אויכ דאָ (פונקט ווי אפנ סטעפנאָי)
איז די אָפגעשניטענע היי פארטרוקנט געוואָרנ דורכנ טײַכ טונגוסקע. נאָר דאָכ האָט
מענ צונויפגעקליבנ א 3000 פוד היי. דאָסזעלבע דארפ געזאָגט ווערנ וועגנ די איבע־
ריקע פארזייונגענ, וואָס א טייל פונ זיי איז פארפאלנ געוואָרנ צוליבנ ניטוויסנ דעם
באָדנ אונ די באדינגונגענ.
נאָר כעווריע איז בא זיכ ניט אראָפגעפאלנ. די שטימונג איז געווענ א געהויבענע.
מע האָט גענומענ אוועקשטעלנ א גוטע טשערעדע בעהיימעס אזוי, אז צום סאָפ
1929 יאָר האָט שוינ די קאָמונע ניט בלויז געקאָנט דעקנ דעם דעפיציט פונ סטעפנאָי,
נאָר אפילע געהאט 2500 רובל רעווע כ פונ היי־שניט.
שפעט אינ הארבסט קומענ אָנ נאָכ 5 קוראסאָווטשינער כאווײַרים, העלדישע
כעווריע. אינ א פאָר וואָכנ ארום נאָכ אײַניקע, ווי אויכ עטלעכע קאָמונארקעס, וואָס
זײַנענ אפ א האָר ניט אָפגעשטאנענ פונ די יאטנ־„איקאָרצעס". אונ די צאָל קאָמור־
נארנ איז שוינ דערגאנגענ ביז 25 מענטשנ.
נאָכ פריער האָט מענ ארויסגעפאָדערט ארום 6000 רובל איבערוואנדערער־קרע־
דיטנ, אוועקגעשיקט 4 כאווײַרים קיינ סיביר אונ געבראכט 4 וואגאָנ מילכיקע סיבי־
רער בעהיימעס. עס שטעלט זיכ אײַנ א פארבינדונג מיט דער שטאָט כאבאראָווסק.
„יאטנ פלעגנ מעלקנ, ארומגיינ לעמ די בעהיימעס, — דערציילט כ' וויכנינ, — מיט
יעדער איינציקער בעהיימע פלעגנ זיכ די כעווריע באגיינ ווי א מוטער מיט א קינד.
יעדער קאָמונאר האָט געפילט פאר זײַנ כויוו ארײַנגיינ טעגלעכ אינ שטאל אונ א קוק
טאָנ, ווי עס זעענ אויס די בעהיימעס, וועלכע בעהיימע האָט געגעבנ הײַנט מער מילכ
אונ וועלכע—ווייניקער אונ פארוואָס". אזוי האָבנ כעווריע דערלערנט ווי בעסער צוגיינ
צו דער אָדער יענער בעהיימע אונ וויאזוי וואָס מער מילכ פונ איר ארויסבאקומענ
אויכ האָט די קאָמונע אוועקגעשטעלט קליינינקע יונגע כאזער־מוטערס, וואָס
האָבנ שפעטער (ביז הײַנטיקנ טאָג) געגעבנ עטלעכע צענדליק גרויסע פעטע יאָרקשי־
רער כאזײַרים. די מילכ־פראָדוקטנ פלעגנ אָפגעגעבנ ווערנ דעם רײַקאָלווירט־פאר־
באנד, וואָס פלעגט דערפאר צושיקנ גאנצע וואגאָנעס קאָנצענטרירטע שפײַז.
אינ דערזעלבער צײַט, הארבסט, האָבנ די קאָמונארנ געמאכט א פרווו פלאנצנ
א סאָד אונ אינ משעכ פונ 5 טעג האָט מענ פארזעצט א העקטאר סאָד (75 עפל־

ביימער, 50 בארנבוימער, 50 פלוימענביימער, 15 קארשנביימער, קוסטעס פונ מאלי־
נעס, סמאָראָדינע א. א. וו.). די רעזולטאטנ זײַנענ געווענ פאָזיטיווע.

שפעטער האָט די פארוואלטונג באשטימט פארבײַניקנ זיכ מיט א רוסישנ ארטעל, קעדיי געמײַנזאמ צו כאפנ „קעטא“־פיש אינ טײַכ טונגוסקע. כעורע, וואָס זײַנענ קיינמאָל ניט געווענ באקאנט מיט דער ארבעט, האָבנ מיט גרויס פארינטערעסירטקײַט געוואָלט וואָס גיכער זיכ אויסלערנענ פישפאנג. 12 איקאָרצעס האָבנ זיכ געלאָזנ אינ ווילדנ טײַכ אונ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר ניט קיינ שלעכטע פישער. די געכאפטע פיש האָט געקלעקט בלויז פאר זיכ, ווײַל אינגיכנ האָט מענ זיי אָפגערופנ, קעדיי אראָפצונעמענ די גערעטעניש.

אויכ האָבנ די קאָמונארנ ניט דורכגעלאָזנ די ארבעט אינ דער ווײַטער פארוויל־דעטער טײַגע. כעורע האָבנ פרײַוויליק זיכ אָנגענומענ ברענגענ פונדאָרטנ געהילצ. נאָר אזויווי אינ דעם ווינטער איז ניט געווענ קיינ שניי, האָבנ די איקאָרצעס ווײַ־ניק פארדינט. דערפאר אָבער האָבנ זיכ עטלעכע „ספעציאליזירט“ אפ וואלד — אונ דאָס איז זיי שפעטער צוניצ געקומענ.

דעמלט האָט די יוגנט־קאָמונע געפײַערט די ערשטע קאָמונארישע רויטע כאסענע. אינ דעם טאָג האָבנ די קאָמונארנ דערוויזנ אלעמענ, אז ניט אפ אווײַלע זײַנענ זיי געקומענ, אז זיי טראכטנ בלײַבנ שטענדיק בויענ דעם קומענדיקנ גרויסנ ווארשטאט פונ סאָציאליסטישער ווירטשאפט. עס זײַנענ געווענ פײַערדיקע באגריסונגענ פונ אלע קאָמונארנ. די ערשטע געזינד האָט מענ צוגעטראָגנ 100 רובל אפ באפוצנ זייער צימער, וועלכער זאָל זײַנ א בײַשפּיל פאר אלע יונגע קאָמונארנ.

אָט מיט אזא „באגאזש“ איז די קאָמונע „איקאָר“ ארײַנגעטראָטנ אינ יאָר 1930.

# די קאָמונע—הײַנט.

## אפנ פאנאנדערגעוויקלטנ כראָנט.

אינ 1930 יאָר קומט פאָר אנ איבערברוכ אינ דער קאָמונע „איקאָר". פונ א קלײנעם קאָלעקטיוו מענטשנ, וואָס זײַנענ נאָכ ווײניק באקאָנט מיטנ לעבנ אינ דער טיפעניש פונ ווײַטנ מיזרעכ, ווערט זי א מוסטער פאר די ארומיקע דערפער. מע רעכנט זיכ מיט איר, מע הייבט זיכ אָנ באציִענ מיט אכטונג צו די ייִדישע יונגע האָרעפאשניקעס, וואָס א טייל פונ זיי זײַנענ ערשט נעכטנ געווענ פארוואָרפנ אינ דער שטיקעניש פונ שטעטל.

וויאזוי איז דאָס פאָרגעקומענ?

ניט גרינג, מיט שווערער פראצע האָבנ זיכ די קאָמונארנ דערשלאָגנ אנערקענונג. קיינ איינ מינוט האָבנ זיי ניט פארגעסנ די פאראנטוואָרטלעכקײַט, וואָס ליגט אפ זיי ווי אפ פיִאָנערנ פונ ייִדישער אײַנוואנדערונג אפנ ווײַטנ מיזרעכ־ראנד פונ גרויסנ סאָוועטנ־לאנד.

א גאנצע ריי העראָיִשע מײַסימ, קאָנ זײַנ ווייניק באמערקלעכע אינ טאָג־טעגלעכנ לעבנ, האָבנ ארויסגעוויזנ די קאָמונארנ אינ קאמפ מיט דער נאטור. עס זײַנענ געווענ פאלנ, ווענ כאוויירימ האָבנ זיכ אָפגעזאָגט פונעמ נייטיקנ און פלעגנ הונגעריקערהייט אויספילנ די אופגאבנ אונ פליכטנ, וואָס איז אפ זיי ארופגעלייגט געוואָרנ. עס איז אויסגעקומענ קעמפנ מיט די סקעפטיקער־מורמלער אונ באווײַזנ מיט פאקטנ, אז אינ בירָאָבידזשאנ קאָנ זיכ שאפנ א פעסטע אונ שטאנדהאפטיקע יונגט־קאָמונע. בעראָש איז געגאנגענ דאָס קאָמיוגישע קעמערל מיט אויסגעפרוווטע יאטנ, וואָס האָבנ דורכ אקשאָנעסדיקער ארבעט, לעגינישער אויסגעהאלטנקײַט אונ ענטוזיאזמ אקטיוו באטייליקט זיכ אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג פונעמ לאנד.

## צומ אמור נאָכ היי.

עס איז אָנגעקומענ זומער. די יאטנ האָבנ שוינ געהאט אסאכ פראקטיק, אויסגעלערנט די געגנט, גוטע וועטערנ — האָבנ זיכ די ענערגישע קאָמונארנ אונ קאָמונארקעס גענומענ פארברייטערנ די קאָמונע. די ערשטע פראגע איז געווענ: ווו נעמט מענ היי פאר די פי? נאָכ אינ יאָר 1929 האָט מענ, ווי געזאָגט, געשניטנ היי אונ באקומענ א 3000 פוד.

— די היי האָט מענ געקאָסעט אפ א קילאָמעטער אינ ראדיוּס ארומ הויפ א וואָכנ צוויי,—דערציילט דער כ' זובער, אנ אלטער אקטיוויסט פונ דער קאָמונע,—צווישנ

רעגנס און היצנ, און די „מאָשקאַ" און אָוואָדנ פלעגנ זייער דערקוטשענ. געארבעט האָבנ 5 יאטנ, אָבער עס איז געווענ ווייניק היי, ווײַל מע האָט שוינ דעמלט פאַר־מאָגט א גרויסע טשערעדע בעהיימעס און פערד. עס איז אויסגעקומענ אײַנצוקויפנ בא די ארומיקע פויערים נאָכ 5000 פוד היי, געפיקעוועטע אינ אימאנ (ליגט אפנ וועג קיינ וולאדיוואָסטאָק).

אָבער ניט אינ דעמ איז געלעגנ דער אויסוועג. און אינ יונ כוידעש 1929 האָט מענ אריבערגעפעקלט זיבנ קאָמונארנ מיט 2 פערד אפנ צווייטנ ברעג טײַכ טונגוסקע און זיכ געשטעלט שנײַדנ היי. 2 יאטנ האָבנ אינ א שיפל אזוי לאנג געזוכט איבערנ ברעג, ביז מע האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ א פלאצ פונ 50 העקטאר. די ערשטע טעג פונ היי־שניט זײַנענ געווענ גוטע, און טונגוסקע איז זיכ רויִק געפלאָסנ אינ איר שויס. צאָרעס זײַנענ געווענ בלויז פונ די קאָמארנ. בייס מע ארבעט זײַנענ זיי צו דערלײַדנ, נאָר אז מע זיצט,—לאָזנ זיי ניט רוענ. אייניקע קאָמונארנ פלעגנ נעכט ניט שלאָפנ צוליב דעמ. שפעטער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רעגנס, וואָס האָבנ פארטריבנ די קאָמונארנ אינ די בײַדלעכ, וואָס מע האָט ספעציִעל אופגעשטעלט בא טונגוסקע. מיטאמאָל א מעהומע: „כעוורע, עס פלייצט!" פונ טײַכ האָט זיכ אָנגעהויבנ רוקנ וואַ־סער מיט א מוירעדיקער האסטיקײַט, פונ שאָ צו שאָ אלצ שטארקער און שטארקער אײַנ אײַגנבליק—און טונגוסקע איז שוינ לעמ בײַדל. מע האָט געמוזט אָנעמענ אוי־סערגעווײנטלעכע מיטלענ, קעדיי איבערצוווארפנ אפנ אנדערנ ברעג די פערד, דעמ אינוועטאר, און אויכ זיכ אליינ. דער טײַכ האָט זיכ פאנאנדערגעגאָסנ אינ א יאמ. מע האָט געכאפט א שיפל, איינער האָט געכאפט די וויאָסלעס. א צווייטער איז גע־זעסנ לעמ רודער און דעמ דריטנ איז אויסגעקומענ שלעפנ פונהיטנ די פערד, וואָס האָבנ זיכ געטרונקענ. די גאנצע היי (3000 פוד) איז פארשווונדנ. „שוינ הארבסט, בייס מיר זײַנענ נאָכאמאָל געפאָרנ איבער טונגוסקע,—דערציילט דערזעלבער כ' זובער—האָבנ מיר ניט דערקענט דעמ אָרט, ווו מיר האָבנ געקאָסעט. עס האָבנ נאָר גע־שטעקט דאָ און דאָרטנ קופקעלעכ היי, וואָס דאָס וואסער האָט ניט געקענט אוועקשלעפנ."

אינ יאָר 1930 זײַנענ שוינ דערפאר די קאָמונארנ געווענ פראקטישער. 40 איקאָר־צעס־שלאָגלער האָבנ זיכ צעטיילט אפ צוויי בריגאדעס, און געשלאָסנ צווישנ זיכ א סאָצאָפמאכ. איינ טייל איז אוועק אפנ טײַכ טונגוסקע, אָבער שוינ אסאכ פריִער ווי אינ יאָר 1929 אזוי, אז די פארפלייצונג האָט שוינ ניט געשטערט. עס זײַנענ געווענ גוטע יאטנ, פלעגט מענ אופשטיינ פארנ זונ־אופגאנג און ביז פרישטיק מאכנ צו 10 פאקאָסנ יעדערער.

די אָנגעשניטענע 3000 פוד האָט מענ שוינ באוויזנ צו שטעלנ אינ סקירדעס, און אז דער טײַכ האָט זיכ אָנגענומענ רוקנ,—האָבנ זיכ די קאָמונארנ ניט געשראָקנ און רויִק, אָרגאניזירטערהייט אוועקגעפירט אינגאנצנ די היי.

אָבער אויסשטיינ אלע קאפריזנ פונ נאטור איז ניט צוועקמעסיק.

„מע דארפ זוכנ היי ערגעצ אנדערש", — האָבנ באשלאָסנ די איקאָרצעס. עס איז געווענ אינ יול כוידעש 1930. די אָוונטנ זײַנענ געווענ שטילע, די טעג—הייסע, ברענענדיקע. האָבנ די קאָמונארנ אײַנגעשפאנט די פערד אינ די נײַע וועגענער, אָנגעלאָדנ מאשינעס, מיטגענומענ פראָדוקטנ און זיכ געלאָזנ אינ דאָרפ סאמארקע

21) וויאָרסט פונ „איקאָר") צום טײַך אמור. דאָרטנ האָבנ די יונגע שלאָגלער אויסגעבויט בײַדלעכ לעבנ גרויסנ זאמדיקנ ברעג, אנטקעגנ די געדיכטע אמור־וואסערנ: צעלייגט די רויכער־זעק (אפ צו פארהיטנ זיכ פונ די קאָמארנ דינענ אזוי גערופענע קאָמארניקעס, אָדער רויכער־זעק, אינ וועלכע מע קריכט ארײַנ אונ מע שלאָפט), מע איז דורכגעפאָרנ איינ אָזערע, א צווייטע. די שיפלעכ זײַנענ פלינק געשוואומענ איבערנ שוימיקנ זילבערנעמ וואסער, די וויאָסלעס האָבנ הארמאָניש געפלעסקעט,— ביז מע האָט פונדערווײַטנס אנ אינדזל דערזענ. מע האָט אימ באטראכט. דער אינדזל איז געווענ 12 קילאָמעטער ארומ, 2 קילאָמעטער די ברייט אונ האָט פארמאָגט אסאך הייכע גוטע גראָז. מיט שטארקע טעמפנ האָט מענ זיכ גענומענ צום היי־שניט. פריער האָבנ זיכ די יאטנ געפרווט „אײַנאָרדענענ". א בײַדל האָט מענ געמאכט פונ שטאנגענ אונ גרינעמ היי. אינמיטנ געלאָזנ א דרײַעקעדיקע טיר אונ צוגעדעקט, די קאָמארנ זאָלנ ניט שטערנ. אינעווייניק האָט מענ אינ דער ערד אויסגעגראָבנ א גרוב, בא די זײַטנ אויסגעלייגט נאסנ היי אונ געמאכט א מינ „פליטע" אפ צו קאָכנ. אזוי האָט געדויערט עטלעכע טעג. מע פלעגט אופקאָכנ טיי, זופ, פלייש אונ אנד. זאכנ „אופשטיינ פלעגט אויסקומענ 2־3 אזייגער פארטאָג,— גיט איבער דער כ׳ סעלסקע, א יונגער, אָבער פעסטער קאָמונאר מיט שטא־קע מוסקולנ אונ א ברייטער שווערוואָגיקער האנט,— דער האָט גענומענ א חראבליע, יענער א קאָסע. די קאָמארנ פלעגנ קראצנ אינ די אויערנ, אינ נאָז. באַמ קאָסענ האָט מענ זיכ אָפט אויסגעטאָנ נאקעט אונ געארבעט, אז שווייס איז גערונענ. שפעטער, אז די זונ פלעגט שטארקער ווערנ, האָבנ די קאָמארנ ווײַטער גענומענ „ארבעטנ". אזייגער 12 איז געווענ מיטיק. בעשאסנ אָפרו פלעגנ די קאָמונארנ זיכ פארנעמענ מיט פארשיידענע נוצלעכע ארבעטנ. דער פלעגט לייענענ, יענער—כאפנ פיש. מע פלעגט אפילע פרווונ באקעמפנ די טיפע אמורער וואסער. אנדערע האָבנ אפ לאנגע שטריק זיכ געלערנט שווימענ דערבײַ פלעגנ אינ טעפל, שיסל, עמער, אינ מויל, אפילע אינ לעפל ארײַנפאלנ קאָמארנ. אָפטמאָל אינ פינצטערע נעכט האָט זיכ געמאכט, אז מע טרינקט טיי מיט קאָמארנ אָנשטאָט צוקער... אויסגעטאָנ האָט מענ זיכ אינדערפינצטער, ווײַל ליכט ציט צו די קאָמארנ. אינ בײַדל פלעגנ זיכ אינמיטנ דער נאכט דערהערנ געשרייענ: קאָמארנ! דאָס פלעגנ זיי שוינ עמעצנ דערעסנ אונ ער פלעגט רופנ צו הילפ. די קאָמונארנ ווייסנ צו דערציילנ אסאך „קאָמארנ־מײַסעס" פונ אמורער געגנט. דער קאָמונאר וועגדעראָוו גיט איבער א געשיכטע, ווי איינמאָל זײַנענ שיר ניט פארברענט געוואָרנ עטלעכע יאטנ צוליב די קאָמארנ. ווי באוווסט, שטעלט מענ אוועק קאָמארניקעס, מע רויכערט דאָרטנ אויס דעמ כאָלאָל, קעדיי די פאראנענע קאָמארנ זאָלנ אומקומענ. איינמאָל האָבנ 2 יאטנ אוועקגעשטעלט א שײַטער אונ גענומענ רויכערנ דעמ קאָמארניק. אליינ זײַנענ זיי אוועקגעגאנגענ ערגעצ, איבערלאָזנדיק אינעווייניק זייער גאנצנ האָב אונ גוטס. געקומענ צוריק, האָבנ זיי געטראָפנ דעמ קאָמאָרניק א ברענענדיקנ. ראטעווענ איז געווענ שפעט,—אלצ איז פארברענט געוואָרנ.

פונ שאָ צו שאָ, פונ טאָג צו טאָג זײַנענ געוואקסנ די סטויגנ היי פונ טויזנטער פודנ. מע האָט די היי צונויפגעשארט, עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ 17000 פוד. די שטימונג איז געווענ א גוטע, מע איז געווענ פריילעכ אונ געזונגענ לידער.

אז מע האָט דעמ ערשטנ יאנוואר 1931 געמאכט דעמ באלאנס פאר די 11 כאדאָשים (פונ 1 פעוורא̈ל 1930 ביזנ 1 יאנוואר 1931), זײַנענ געווענ הויצאָעס 5736 ר. מיט 67 קאָפּיקעס, האכנאָסע—6350 ר. אלזאָ, פארדינסט פונ היי־שניט איז אינ מעשעכ פונ דעמ יאָר געווענ 613 רובל 33 קאָפּיקעס.

## דאָס קאָרטשעווענ.

א באזונדער אָרט האָט אינ מײַ כוידעש פארנומענ דאָס קאָרטשעווענ. מע פלעגט אונטערגראָבנ די ביימער, צוטשעפּענ צו א צווײַג א גראָבנ שטריק אונ צענ־פופצנ יאטנ פלעגנ א ציִ טאָנ דעמ בוימ א דריי־פיר מאָל, ביז ער פלעגט זיכ אונטערגעבנ אונ אוועקלייגנ. נאָכ אזא שטיקל ארבעט פלעגט שווייס גיסנ פונ די הענט אונ פיס. אָבער כעוורע איז צו ארבעט געווינט. מע ברענגט מיטיק, וואסער. אויב עס איז קיינ וואסער ניטאָ, זוכט מענ אויס ערגעצ א בלאָטע אונ מע טרינקט זיכ אָנ. דערנאָכ ווערט געבראָטנ כאזער־פעטס, געדויכערט פאפיראָסנ, געזונגענ. אינאָוונט קערט מענ זיכ אומ אהיימ. דער וועג איז א שטעכעדיקער. קליינע קאטשקעס קראצנ די פיאטעס, פנעס אונ קוסטעס רײַסנ די פיס, ברעכנ די הענט אונ אז מע דערנענטערט זיכ צו דער היימישער סוויווע, הערנ זיכ רעוואָליוציאָנערע לידער: „דאָלאָי, דאָלאָי, מאָנאכאָוו“, „פּאָ מאָריאמ“ א. א. די „ווײַסרוסנ“ זינגענ ווײַסרוסישע רעוואָליוציאָנערע לידער.

## די בעהיימעס—די ליבלינגענ.

פיצוכט פארנעמט בא די איקאָרצעס דעמ אויבנאָנ, ווײַל דער כאראקטער פונ דער קאָמונע איז ס'ראָוו א פיצוכטלערישער. דעמ הויפ באשײַנענ צוויי גרויסע בעהיימעס־שטאלנ מיט אסאכ, אסאכ „סיביראטשקעס“ אונ אריסטאָקראטישע „סענטימענטאלקעס“. די ארומיקע אײַנוווינער וווּנדערנ זיכ, וויאזוי איז געלונגענ אינ די עקזיסטירנדיקע באדינגונגענ אוועקשטעלנ אזא מילכ־ווירטשאפט. אפנ אָרט פונ דער קאָמונע, ווי געזאָגט, איז געווענ א פרווו־פעלד. געלט האָט מענ געשאָטנ מיט פולע הויפנס, אָבער עס האָט געפעלט ליבע, אופזיכט אונ אופמערקזאמקײַט צו דער זאכ. די צארישע טשינאָווניקעס פלעגנ אופהייבנ די בעהיימעס אפ שטריק, קעדיי זיי קלוימערשט באשיצנ פונ דער ארומיקער בלאָטע. פאקטיש פלעגנ זיכ די בעהיימעס טרינקענ אינ די שטייענדיקע הויפ־וואסערנ.

זײַנענ אָבער געקומענ האָרעפּאשנע קאָמונארנ, קינדער פונ דער מאסע, פונ שטאָט, פונ שטעטל, ענערגישע אונ ארבעטזאמע, וואָס די רעוואָליוציע האָט זיי ארופגעבראכט אפנ אויבערפלאכ פונ לעבנ, אונ זיכ גענומענ מיט פלײַס צו דער זאכ. שווער איז געווענ דער אָנהייב: ווי פירנ זיכ אינ די נײַע באדינגונגענ? ווי שפּײַזנ די קאפריזנע „סיביריאטשקעס“? א פארפלייצונג האָט פארניכטעט דעמ גאנצנ זאפאס היי. די פאשע—א בלאָטיקע, פול מיט זויערע גראָזנ, די לאָנקע—ווײַט, אוש 25 וויאָרסט, אָנ וואסער אונ טײַכנ.

איינ זאכ האָבנ אָבער די כעוורע געוווּסט: מע מוז באקעמפנ די אלע מעניעס, מע מוז שאפנ א גוטע שפּײַז־באזע. אונ אזוי איז געווענ. מע איז צוגעטראָטנ אויס־

טריקענענ די בלאָטעס, רעגולירנ די וועגנ, קאָסענ היי און לייזנ די פראגע וועגנ וואסער פאר די בעהיימעס.

די טשערעדע איז געוואקסנ. לאָמיר זיכ דערמאָנענ: אינ יאָר 1928 איז געווענ בלויז איינונניינציקע בעהיימע, אינ יאָר 1929—שוינ 20 בעהיימעס מיט 2 בוהייַעס. אינ יאָר 1930—64 בוהייַעס, 2 בוהייַעס און 12 קעלבער, אינ יאָר 1931 זייַנענ אינ אפרעל כוידעש שוינ געווענ 83 בעהיימעס. סאָפ 1931 רעכנט די קאָמונע האָבנ 120 בעהיימעס און דרייַ בוהייַעס. די בעהיימעס האָט מענ דעריקער געקויפט אינ



א קאָמונאר מיט א בוהייַ.

סיביר און אינ די ערטער לענגויס דעמ יאמ אינ דעמ שטילאָקעאנישנ פאס, צו וולאדיוואָסטאָק צו. די סטאדע איז א גאנצ בונטע. צוזאמענ מיט 30 פודיקע „רייזנ“ שפאצירנ 14־פודיקע „ליליפוטלעכ“. אינ אלגעמיינ קאָנ מענ לויט דער פראָדוקטיווקייַט האלטנ די סטאדע פאר א גאנצ גוטע. אינ יאָר 1930 האָט יעדער בעהיימע דורכ־שניטלעכ געגעבנ 2130 ליטער מילכ.

די בעהיימעס ווערנ באדינט דורכ ספעציעלע פי־באדינער (סקאָטניקעס); צו דער־דאָזיקער ארבעט האָט מענ צוגעצויגנ די בעסטע קאָמונארנ. מע קאָרמעט די בעהיי־מעס 2 מאָל אינ מעסלעס מיט קאָנצענטרירטער שפייַז (מאקוכע און קלייַענ) און 3 מאָל—מיט היי. עס קומט אויכ אויס צו געבנ די ערשטע וועטערינארישע הילפ קראנק־געוואָרענע בעהיימעס, ווי אויכ רייניקנ דעמ שטאל אלצ אליינ.

כ' פרעסמאַנ, א יאַט מיט א גאַנצנ פּײַנעמ קינסטלערישנ כוש, האָט אפּנ פאָלגנדיקנ אויפנ כאַראַקטעריזירט זײַנעמ א כאַווער א „סקאַטניק" מיטנ נאָמענ „יאַנקל" [1].

„וועד איז יאַנקל?

צווישנ כאַווײרימ אינ קאָמונע האָט ער ליב צו ווערטלענ זיכ, פּראַוועט אַזוינע קונדעס־שטיק, אַז אַלע קאַטשענ זיכ פונ געלעכטער. פירט מענ ערגעצ אַנ ערנסטנ געשפּרעכ אָדער מע צעהיצט זיכ אינ א וויכּוּעכ, איז גענוג, אַז עס זאָל זיכ אַרײַנגאַנווענענ יאַנקל, אונ דער געשפּרעכ מוז אָנעמענ א פריילעכנ כאַראַקטער. ווער עס האָט אָבער געזענ יאַנקלענ בא דער אַרבעט אינ שטאַל, דער וועט אימ ניט דערקענענ. דאָ טוט ער זײַנ אַרבעט אפּנ העכסטנ גראַד ערנסט. ער וועט מיט אײַכ קיינ איבעריקנ וואָרט ניט ריידנ. יאַנקל האָט זיכ נאָר דאָ זײַנ באַזונדערע שפּראַכ, אַפּ וועלכער ער רעדט צו די בעהיימעס אונ אַפּ וועלכער די בעהיימעס פאַרשטייענ אימ.

קיינער איז נאָכ ניט אַזוי געניט אינ א בעהיימע, ווי יאַנקל. אַז ער טוט א טאַפּ די אײַטער בא א קעלביקער,—וועט ער אײַכ פּאָרויס זאָגנ, צי זי וועט געבאָרנ א ביקל אָדער א קעלבל. ער וועט אײַכ קימאַט גענוי זאָגנ, וויפל די בעהיימע וועט הײַנט געבנ מילכ. יאַנקל האָט זיכ אָפּט ליב צו באַרימענ: ער האָט פונ דער אָדער יענער בעהיימע „געמאַכט א לײַט". אָט „סלאַוועי"—זי איז נאָכ גאָר א יונגע—טײַנעט ער,—זי האָט ערשט געהאַט דעמ ערשטנ קאַלב אונ גיט שוינ 20 ליטער א טאָג.

— אַליינ, אַליינ אויסגעהאָדעוועט!—שרײַט יאַנקל אפּנ קאָל.

א שלעכטע בעהיימע האָט יאַנקל פּײַנט מיטנ גאַנצנ האַרצנ. ער רופט זי מיט אַלע מיִעסטע ווערטער. „טובערקוליאָזניצע",—זאָגט ער צו אַזא בעהיימע,—דיר מאַכט ניט אויס, אַז איכ וועל דיר הײַנט געבנ מיט א שיסעלע זשמיכע ווייניקער; אונ דיר „פּאַדלע", קאָנ איכ גאָר געבנ א האַלבע שיסעלע, ווײַל דו גיסט קיינ קאַפּ מילכ ניט".

א פּאָר טעג איז יאַנקל אומגעגאַנגענ גאָר אַנ אומעטיקער, א פאַרזאָרגטער, אייננ קליינינקײַט! איינמאָל גיט ער אַלע עסנ,—אַלע קײַענ מיט פלײַס אונ רוקנ נאָכ אַמאָל אַרײַנ די מאָרדע אינ א פרעמדער קאָרמאַישקע, נאָר איינ בעהיימע האָט אופגעשטעלט אַפּ אימ א פּאָר אומעטיקע אויגנ, האָט זיכ אָפּגערוקט פונ עסנ. זי עסט ניט, זי איז קראַנק. ער ווייס שוינ ניט וואָס צו איבערטראַכטנ, יאַנקל. פריִער איז ער געווענ אַזוי מונטער, פריילעכ בא זיכ אונ איצט איז אימ געוואָרנ אומעטיק. א קליינינקײַט— בא אימ איז א בעהיימע קראַנק געוואָרנ.

באַנאַכט קאָנ שוינ יאַנקל ניט אײַנשלאָפנ. ער וואַרפט זיכ פונ איינ זײַט אַפּ דער צווייטער. אַז קיינ וועטערינאַר איז אינ קאָמונע ניטאָ אונ די גאָר געניטסטע כעווירע ווייסט ניט, וואָס איז דער בעהיימע; אונ ביזוואַנענ מע וועט קאָנענ ברענגענ א וועטערינאַר, וועט געדויערנ א טאָג, צוויי, דרײַ. ער שטייט אופ פונ בעטל, טוט זיכ אָנ, גייט אַרויס אינ שטאַל, באַטראַכט לאַנג די בעהיימע, טאַפּט איר אַרומ יעדנ איווער, דעמ בויכ, די אײַטער אונ גייט אָפּ אַנ אומעטיקער.

ער הייבט ניט אָנ צו וויסנ וואָס צו טאָנ. נעפּרוווט ברענגענ א פּאָר בונטנ שטרוי, אויסגעבעט דער בעהיימע. איר שאָכנטע פירט ער אָפּ אָנ א זײַט, זי זאָל איר ניט שטערנ ליגנ רויִק. ער שטעלט איר צו א שיסעלע קלײַענ, עפּשער וועט זי שפּעטער

[1] „בירָאָבידזשאַנער שטערנ" נומ. 3.

אופּעסנ. דערנאָכ גייט ער צוריק זיכ לייגנ שלאָפנ. אונ אז יאַנקל שלאָפט, כאָלעמט זיכ אימ א רויש פונ רעדער. ער לויפט ארויס אנטקעגנ אונ דערזעט פאָרנ א בריטשקע אונ אינ בריטשקע זיצט דער פליכעוואטער וועטערינאר פונ ראַיאָנ. אָט טוט ער אָנ דעמ וויַיסנ פארטעכ, פארקאשערט די ארבל, אייסעקט זיכ עפּעס לאנג בא דער בעהיימע אונ זי קרעכצעט. דערנאָכ בארויִקט ער יאַנקלענ אונ רעדט אימ איַינ:

— באלד וועט זי דאָכ, נארעלע, געזונט ווערנ.

אָט איז שוינ דער וועטערינאר אוועק אונ די בעהיימע קיַיט אזוי פליַיסיק דאָס עסנ, ווי נאָכ קיינמאל ניט—טאקע ווי נאָכ א קרענק. אונ יאַנקל שטייט איבער איר



דער ביַיקל „פעסט“.

אונ אלע אייוודימ טאנצנ אינ אימ פאר פרייד. ער כאפּט זיכ אופ אונ זעט, אז ס'איז נאָר געווענ א כאָלעמ—ער טוט א זיפצ אונ שלאָפט ווידער איַינ מיט א שווערנ געמיט“.

אָט אזעלכע „יאַנקלעכ“ אונ „לייבלעכ“ זיַינענ פאראנ אפילע אינ דער קאָמונע: מענטשנ, וואָס זיַינענ צוגעוואָקסנ צו דער בעהיימע, זיַינענ אירע געטריַיע כאווירימ אונ העלפער, לעבנ אונ ליַידנ מיט איר אינאיינעמ.

דעמ פאשע־פעריאָד האָט מענ אינ „איקאָר“ צעטיילט אפ 3 טיילנ:

1) פונ 15־טנ מײַ ביזנ 15־טנ יול. דעמלט זײַנענ די געוויקסנ יונג אונ אינ א גענוגנדיקער צאָל. מע גיט בלויז צו א קלײנע צאָל קאָנצענטרירטע שפּײַז.

2) פונ 15־טנ יול ביזנ ערשטנ סענטיאבער (פּעריאָר פונ „גנוס"). די פי ווערט אינ דער צײַט געהאלטנ אינ שטאל אונ געשפּײַזט מיט גרינעמ גראָז אונ קאָנצענטריר־טער קאָרמע.

3) פונ ערשטנ סענטיאבער ביזנ 15־טנ אָקטיאבער (הארבסט־פּעריאָד)—ווערט די פי געשפּײַזט אויכ מיט גראָבער שפּײַז, זעלטענער—מיט גראָז. די הײ באקומט די קאָמונע אפ די אמורער אינדזלענ, קאָנצענטרירטע שפּײַז האָט זי לויט דער ליניע פונ קאָאָפּעראציע.

אז עס קומט א גאסט אינ דער קאָמונע, גרויסנ זיכ די קאָמונארנ צומ אלעמ ערשטנ מיט זײערע צווײ גרויסע ביקנ, בײדע רײנבלוטיקע „האָלענדער". אָבער די ביקנ גופע קומט נעבעכ אויס אסאכ צו לײַדנ: זײ געפינענ זיכ אינ זינ פונ שפּײַז אונ באדינונג אינ אסאכ אנ ערגערער לאגע ווי זײערע כאווערטעס.

דערנאָכ באווײַזט מענ די פי־שטאלנ: ווארעמע, ליכטיקע מיט ווענטיליאציע (4 מאָל א מעסלעס רײניקט מענ זײ). די ארבעט אפנ פי־שטאל איז שטרענג נאָרמירט, שטרענג צעטײלט צווישנ אלע פי־ארומגײער. אפ יעדערע 15 בעהײמעס איז באשטימט אײנ פי־ארומגײער. פאראנטוואָרטלעכ פאר יעדנ שטאל (נאָרמאל אויסגע־רעכנט אפ 40 שטיק) איז א בריגאדיר.

עס זײַנענ פאראנ „געבורט־ביכער", אינ וועלכע עס ווערט פארשריבנ די צײַט פונ פּאָרנ אונ אָפּקעלבנ זיכ. אויכ געפינט זיכ „א בוכ פונ מעלקנ". דאָרטנ ווערט פארשריבנ וויפל מילכ עס האָט די אָדער יענע בעהײמע געגעבנ.

פונ סיבירער פעסט האָט די פי אינ יאָר 1930 ניט געליטנ. געווענ בלויז עטלעכע פאלנ פונ אָפּווארפנ, אָבער אינ א מינימאלער מאָס.

ווינטער־צײַט מעלקט מענ אויס פונ דער בעסטער בעהײמע 5 ליטער פאר אײנמאָל (15 ליטער א מעסלעס). די מילכ פארפירט מענ אינ עמערס אונ מע שיקט אוועק אינ כאבאראָווסק צו טויזנט ליטער, אינ דער מילכ־לאבאָראטאָריע, וואָס ווערט אָנגעפירט דורכ א קאָמונאר, איז פאראנ א סעפּעראטער, וואָס טײלט אָפּ דעמ שמאנד פונ אדהאָנ. ווינטער־צײַט נוצט מענ דעמ שמאנד אפ פּוטער.

זומער־צײַט ווערט די גאנצע מילכ סעפּארירט. די שמאנד שיקט מענ אינ כאבא־ראָווסק אונ פונ אדהאָנ מאכט מענ טוואָרעכ. קײנ קעז ווערט דערווײַל אינ קאָמונע ניט געמאכט. די סיבע—ניטאָ די נײטיקע אינסטרומענטנ. טוואָרעכ ווערט אינ „איקאָר" געמאכט אפ אזא אויפנ: דער אדהאָג ווערט ארײַנגעגאָסנ אינ הילצערנע פעסלעכ. אויב די טעמפּעראטור אינ לאבאָראטאָריע איז א הײכע, ווערט ער בעמײלע זויער אונ עס באקומט זיכ טוואָרעכ. אויב אָבער עס איז קאלט, ווערנ אינ די פעסלעכ אוועקגעשטעלט בעטאָנענ הײסע וואסער.

אינ דער מילכ־לאבאָראטאָריע פונ „איקאָר" איז פאראנ א צענטרעפוגע אפ צו אנאליזירנ די פעטקײַט פונ מילכ, פאראנ ליטראָוועקעס, האלבע ליטראָוועקעס, מילכ־מעסטערס, פארמעט־פאפיר—מיט אײנ וואָרט אלצ, וואָס עס איז נײטיק פאר א לאבאָ־ראטאָריע. עס פעלט אָבער מעכאניזירונג אונ די מאָדערנע אויפּאנימ פונ מילכ־בא־ארבעטונג.

ארומ דעמ מילכ האָבנ אינ יאָר 1930 געארבעט 5 מעלקערנס אונ איינ רעזערוו־מעלקערנ אפ די אָפרו־טעג. צוויי פונ זיי האָבנ זיכ דערקלערט אלס שלאָגלערנס אונ פירנ אויס זייערע אופגאבנ אפ אלע 100 פראָצענט.

צווישנ די מעלקערנס זײַנענ פאראנ אזעלכע, וואָס האָבנ ביז „איקאָר" קיינ בעהיימע ניט געזענ פאר די אויגנ. כ' דאָבע הערמאנ, — א שלאנקע רויטבאקיקע מיידל מיט „אינטעליגענטישע" שטריכנ אפנ פּאָנעמ,—דערציילט: ווענ מע האָט מיכ דעמ ערשטנ מאָל אוועקגעשטעלט אינ שטאל, האָב איכ געהאלטנ אינ איינ ציטערנ, טאָמער וועט מיר א בעהיימע צעטרעטנ, צעשלאָגנ, צעמיימעסנ. די ערשטע צײַט האָב איכ באדינט 3 בעהיימעס. דערנאָכ האָט מענ מיר שוינ באשטימט א נאָרמע (10 שטיק). די קאָמארנ פלעגנ זשוזשענ אינ שטאל, באזונדערס אָוונטצײַט, ווענ די בעהיימעס פלעגנ זיכ צוריקערנ פונ פעלד אונ אָנברענגענ זיי פונ דער נאסער לאָנקע. אינ דער קאָמונע, וואָס האָט זיכ געפונענ אפ א טרוקענעמ אָרט אונ ווו עס האָבנ געוווינט מענטשנ, איז דער „גנוס" ווייניקער געווענ. באטאָג פלעגט זײַנ גאָר ווייניק „גנוס" ווײַל די זוניקע ווארעמקײַט פלעגט זיי צעטרײַבנ.

די גאנצע סכוירע־פּראָדוקציע ווערט אָפּגעגעבנ דער כאבאראָווסקער ארבעטער־קאָאָפּעראציע. א טייל מילכ־פּראָדוקטנ גייט פארנ אייגענעמ געברויכ. אינ יאָר 1931 האָט מענ פארקאָנטראקטירט 120 טויזנט ליטער מילכ. די קאָמונארנ טרעטנ אָבער ארויס מיט אנ אנטקעגנדיקנ פלאנ פונ 180 טויזנט.

לויטנ באלאנס פונ יאָר 1930 האָט די קאָמונע געהאט הויצאָעס בא די פּי 55738 רובל מיט 40 קאָפּ., האכנאָסע—63759 רובל מיט 10 קאָפּ., ריינער רעווען איז געווענ—8020 רובל מיט 70 קאָפּ. פאר דערזעלבער צײַט האָט מענ באקומענ פונ דער כאבאראָווסקער קאָאָפּעראציע פאר מילכ, שמאנד, פּוטער אונ טוואָרעכ 12348 רובל. מיט 68 קאָפּ. פונ ערשטנ יאנוואר ביזנ ערשטנ אפּרעל 1931 י. האָט מענ אָפּגענומענ 5020 רובל.

## כאזיירימ בא יִידישע קאָמונארנ.

א באזונדער ארבעט־געביט איז פאר די יונגע קאָמונארנ געווענ כאזיירימ־צוכט. אנדערע זײַנענ געוווינט געווענ דערצו נאָכ פונ קוראסאָוושטשינע. דער גרעסטער טייל אָבער: שטאָטישע כעוורע, אנדערע מיט „יִידישע רעמיניסצענצנ", האָבנ ווייניק וואָס געוווּסט, וואָס עס איז א כאזער.

אָט דערציילס כ' יאשקע רובינ, א געקומענער פונ סאראטאָוו, איצט איינער פונ די קאָמונארישע ספּעצנ אפ כאזיירימ: „ביז מײַנ קומענ דעמ 17־טנ מארט 1930 יאָר האָב איכ קיינמאָל אינ מײַנ לעבנ קאָנקרעט ניט געוווּסט וואָס איז דאָס אזוינס א פּויער. אינ קאָמונע האָבנ זיכ מיר אינ די אויגנ די ערשטע זאכ געוואָרפנ די כאזיירימ אונ קעלבער. ווי גרויס איז אָבער געווענ מײַנ ווונדער, אז נאָכנ אָפּאויבעטנ א שטיקל צײַט אפ פארשיידענע ווירטשאפטלעכע ארבעטנ האָט מענ מיכ אוועקגעשטעלט צו באדינענ כאזיירימ. פאר מיר כאזיירימ? ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס א כאווער האָט מיר אינפאָרמירט וועגנ מײַנ נײַער ראָלע, בינ איכ דאָכ א גאנצע נאכט ניט געשלאָפנ אונ געהאלטנ אינ איינ טראכטנ: ווי אזוי גייט מענ עס

צו צו א כאזער... צו מאָרגנ בינ איכ אופגעשטאנענ פארטאָג אונ ארײַנ אינ כאזיירים־שטאל. גלײַכ האָב איכ אויסגעגאָסנ א העלפט שפײַז. די סיבע איז געווענ א פאָשעטע: ווענ דער כאזער האָט זיכ גענומענ צו מיר דערנעענטערנ, האָב איכ גענומענ ציטערנ, אז ער זאָל מיכ כאָלילע ניט אָפבײַסנ א האנט, א פוס. שפעטער האָט מענ געדארפט דעמ כאזער רייניקנ אונ איכ מוז זיכ מוידע זײַנ, אז איידער איכ האָב זיכ גענומענ צו דער ארבעט, איז מיר די נעשאָמע מאמעש אויסגעגאנגענ, ווײַל בייס מע רייניקט מוז מענ ארײַנגיינ אינ כאזער־שטײַג. די ערשטע צײַט איז די ארבעט אָנגעקומענ מיט גרינגער גאל. מיר פלעגט זיכ שטענדיק אויסדוכטנ, אז אָט כאפט מיכ דער כאזער, הארגעט מיכ, בײַסט מיכ; באנאכט פלעגנ מיר זיכ כאָלעמענ כאזיירים. אינ דער פינצטערניש האָט מײַנ פאנטאזיע געזענ כאזיירים, גערעדט וועגנ כאזיירים, געטראכט וועגנ כאזיירים—מיט איינ וואָרט, כאזיירים אונ כאזיירים..."

אָבער כעוורע האָט זיכ צוגעוווינט. מע איז שנעל געוואָרנ פאני־בראטעס מיט זיי, געצערטלט, געכאָוועט. ווי געזאָגט פריִער, זײַנענ אינ יאָר 1928 געווענ צוויי כאזיירים. אינ 1930 י. האָבנ די איקאָרצעס שוינ פארמאָגט 15 שטיק כוידעשדיקע כאזיירים, צוויי מוטערס אונ איינ זאָכער. שפעטער האָט איינ מוטער געבוירנ 6 שטיק, א צווייטע 11, אָבער געבליבנ איז פונ זיי 6. דער דעזשורנער האָט פאָשעט פארגעסנ די צײַט, ווענ, לויט דער אויסרעכענונג, האָט די כאזערטע געדארפט געבוירנ, אונ געלאָזנ זי אפ גאָטס באראָט, זי האָט טאקע אופגעגעסנ דעמ אָרט, איז קראנק געוואָרנ אונ צוגעקוועטשט אירע עטלעכע נײַ־געבוירענע; אנדערע זײַנענ אומגעקומענ פונ הונגער, ניט האָבנדיק דער מוטערס ברוסט. בלויז עטלעכע האָט זיכ אײַנגעגעבנ אופהאלטנ אפ מילכ. אינ יאנוואר 1931 י. האט די קאָמונע דורכ נײַע געבורטנ פארמאָגט 35 כאזיירים. עס קומענ אָנ נײַע פארטיעס.

מע דארפ דערמאָנענ, אז ווינטער 1931 י. זײַנענ צוליב די שלעכטע באדינגונגענ געפאלנ 20 שטיק נײַ־געבוירענע כאזערלעכ. דערופ האָט געווירקט דער אלטער כאזער־שטאל, וואָס איז געווענ א קאלטער אונ נאסער. שפעטער האָבנ זיכ די באדינגונגענ ראדיקאל געענדערט. דער נײַער כאזער־שטאל איז א ליכטיקער אונ א טרוקענער, מע שפײַזט די כאזיירים בעסער אונ פינקטלעכער. אויכ האָבנ זיכ די יאטנ „אויסגעספּעצעוועט”. פארטאָג שפײַזט מענ די כאזיירים מיט קלײַענ, מאקוכע אונ קירבעס. מע רייניקט זיי מיט קאמענ, מע טריקנט די קאָרעטעס, מע וואשט די שטײַגנ. אויב עס איז א גוטער וועטער, לאָזט מענ זיי ארויס אפנ הויפ—סײַ ווינטער, סײַ זומער. עס איז ניט קיינ וווּנדער דעריבער, וואָס עס טרעפנ זיכ כאזיירים פונ 10—12 פּוד די וואָג.

## זאָרגפעליקײַט צו „טאטעס”.

באמ איבערגיינ אפנ פרווו־פעלד האָט די קאָמונע פארמאָגט נײַנ פערד, אָדער, ווי די קאָמונארנ רופנ, „טאטעס”. אָבער אינגיכנ האָט מענ איינעמ פארקויפט. אינ יאנוואר 30־טנ יאָר האָט מענ אינ סיביר באקומענ 2 קליאטשעס, וואָס איינע פונ זיי האָט געהאט א לאָשעקל. אינ יול דעמזעלבנ יאָר האָט דער וואלדהיימער קאָלווירט אָפגעלאָזנ 2 פערד, אינ הארבסט—נאָכ 4 פערד. איינעמ האָט מענ נאָכ צוגעקויפט

בא א שכיינעסדיקנ רוסישנ פויער. איצט באטרעפט די צאָל פערד פונ „איקאָר“—18.
פונ זיי 6 קליאטשעס, 1 לאָשעק אונ די איבעריקע פערד. די קאָמונארנ דערווארטנ
נאָכ 8 פערד, וואָס זײַנענ אבסאָליוט נייטיק פאר דער פארגרעסערטער ווירטשאפט.
פונ דער צאָל זאָגט צו עטלעכע פערד דער נאָענטער מילכ־ אונ גערטנערײַ־סאָווירט
אינ פאָקראָווקע, וועלכער העלפט מיט דער יונגער קאָמונע מיט אלצ, וואָס עס איז
נאָר מעגלעכ. די פערד ווערנ געשפּײַזט מיטנ היי פונ לעבנ טײַכ אמור (די לעצטע
2 יאָר האָט מענ אויכ געשניטנ לעמ טײַכ טונגוסקע). אויב עס איז פאראנ, שפּײַזט



בא די פערד.

מענ אויכ די פערד מיט קלײַענ אונ האָבער, וואָס מע מישט מיט געשניטענעם שטרוי
(רעזקע) אינ וואסער. צו דעם צוועק איז פאראנ א ספּעציעלע שטרוי־שנײַד־מאשינ.
די „ראציאָנ“ פונ א קאָמונארישנ פערד באשטייט פונ 25 פונט היי, 5—6 פונט
קלײַענ, דיזעלבע צאָל האָבער, ווי אויכ רעזקע. מע באמיט זיכ די פערד צוזענ, צו־
באסנ. דאָכ טרעפט זיכ אָפט, אז א פערד באקומט א קלאפּ, לינקט אויס א פוס
אָדער ווערט גאָר קראנק.
אינ יאָר 1930 איז פאָרגעקומענ אזא זאכ: דער פערד־צוזעער איז צוגעגאנגענ
צו א קליאטשע אונ האָט זי געוואָלט אײַנשפּאנענ. האָט די קליאטשע זיכ געגעבנ
א וואָרפ, א שמיר געגעבנ דעמ צוזעער מיט דער קאָפּיטע אינ פּאָנעמ אונ זיכ ניט
געלאָזנ. וואָס איז געשענ? נאָכנ אײַנקוקנ זיכ האָט מענ געקאָנט דערזענ אינ הינטערשטנ
הייכנ טייל פונ דער קליאטשע א טיפנ שטאָכ פונ אנ אײַזערנער הראבליע.
— יאָ, דאָס איז זײַנ ארבעט,—האָט ער א טראכט געטאָנ, ער איז דאָכ געפאָרנ
מיט מיסט.

אַז די קאָמונאַרנ האָבנ זיכ דערוווסט וועגנ דער געשעעניש, האָט מענ דעמ שולדיקנ מוישלענ אינ די אויגנ ניט געקאָנט קוקנ. דער באַלדאָווער אַליינ איז געזעסנ בא זיכ אימ צימער, דעמ קאָפּ אַראָפּגעלאָזנ אונ געשוויגנ.

— שולדיק!

פאַרנאַכט האָט די פאַרוואַלטונג צונויפגערופנ א ספּעציעלע זיצונג. מע האָט באַטראַכט מוישלס איניען. מיט א רעדע איז אַרויסגעטראָטנ דער פאָרזיצער, וואָס האָט אָנגעוויזנ אויפנ פאַרברעכ, ווי אויפ א מוסטער פונ שעדיקעריי. ער האָט דערמאָנט דערביי א קאָמונאַר, וואָס האָט ניט אונטערגעבעט די סעדלקע פונ א פערד אונ אימ אָנגעריבנ דעמ רוקנ. ער האָט אויסגערעכנט נאָכ אַנדערע פאַקטנ אונ צומ סאָפ א זאָג געטאָנ צומ שולדיקנ:

— דערציילֿ, ווי האָט דאָס בא דיר געטראָפנ?

דער יאַט שטאַמלט סאָפּקאָלסאָפּ אַרויס:

— נו, ס'האָט געטראָפנ... ניט ווילנדיק...

כעוורע קאָנ שוינ זיכ ניט איינהאַלטנ.

— וואָס הייסט, ניט ווערנדיק?

איינער דערמאָנט, אַז מיט מוישלענ איז שוינ איינמאָל געווענ אַזא פאַל, ווענ ער האָט געטריבנ די טשערעדע אויפ פּאַשע, האָט ער א קעלבל אַזוי א זעצ געטאָנ אינ שטערנ איבערנ קאָפּ, אַז עס האָט געהונקענ א וואָכ צייט.

עס מישט זיכ אַריינ דער פּאַסטעכ, ער דערציילט, אַז ווענ מע האָט א געשריי געטאָנ אויפ מוישלענ, אַלעמיי ער האָט געגעבנ א קלאַפּ, האָט זיכ יענער אָפּגערופנ:

— וואָס מישטו זיכ אומעטומ, ס'איז דיינע?

דאָ האָט שוינ דער שטענדיק ערנסטער אונ שווייגנדיקער סעקרעטאַר פונ קעמערל ניט אויסגעהאַלטנ. אַלע ווערנ שטיל. ער נעמט א וואָרט אונ באַווייזט, אַז מוישל האָט נאָכ ניט אויסגעלעבט אינ זיכ די קליינבירגערלעכע פּריוואַט־אייגנטימערישע שטימונג, אַז ער איז זיכ ניט צונויפגעוואָקסנ מיט דער קאָמונע אונ ווערווייס—עפּשער וועט ער זיכ טאַקע ניט קאָנענ צונויפוואַקסנ.

— ניט נאָר ניט צונויפגעוואָקסנ, האָט אויסגעשריענ איינער א הייכער יאַט מיט רויטע פאַרברענטע פולע באַקנ,—ער שעדיקט, יאָ, יאָ, ער שעדיקט.

שפּעטער האָט מענ מוישלענ אַרויסגעטראָגנ א וואָרענונג. אַז די זיצונג האָט זיכ געענדיקט, זיינענ אַלע פאַרבייגעגאַנגענ, אימ א קוק געטאָנ אינ די טעמפּע אויגנ. מוישל איז געזעסנ אַנ אומעטיקער, א באַגראָבענער. אָט אַזוי היטנ די קאָמונאַרנ זייערע ליבע, טייערע פערד.

די שלעפּ־קראַפט פונ דער קאָמונע איז א קליינע אונ קימאַט יעדנ טאָג (אָפּטמאָל עטלעכע מאָל א טאָג) קומט אויס אָפּפירנ קאָמונאַרנ, איבערוואַנדערער אָדער געסט פונ סטאַנציע וואָלאָטשייעווקע (9 קילאָמעטער). ניט זעלטנ מאַכט זיכ, אַז מע דאַרפ שפּאַנענ א וואָגנ אינ דער נאָענטער אוקראַינישער קאָמונע (4 קילאָמעטער) אָדער זיכ לאָזנ נאָכ געהילצ אויפנ ניקאָלייעווקער האָלצ־זאַוואָד (14 קילאָמעטער) אָדער גאָר קיינ פּאָקראָווקע (30 קילאָמעטער). אינ ניקאָלייעווקע געפינט זיכ א וועטערינאַר, וואָס ער העלפט קורירנ די קראַנק געוואָרענע פערד אונ קומט אַפילע גאַנצ אָפט אויפ א באַזוכ.

זײ געזאָגט, איז דער פּלאָג פונ די װײַטמיזרעכדיקע פערד זומערצײַט די אַזױ גערופענע „סיבירער פעסט“. די קאָמונאַרנ באַציִענ זיכ אָבער זײער זאָרגעװודיק צו די „טאַטעס“. „זומער 1928 האָט אײנ פערד אָפּגעקרענקט א טאָג. נאָר נאָכנ צולײגנ קאַלטנ װאַסער צומ האַלדז אונ צומ בויכ — באַרימט זיכ דער פערד־ספּעצ כ׳ בערקאָװיטש, איצט פאַרװאַלטער פונ דער װירטשאַפט — איז ער געזונט געװאָרנ“.

צומ סאָפ מוז מענ צוגעבנ, אז כאָטש האָדעװענ פערד איז ניט קײנ פראָדוקציע־געביט פונ „איקאָר“, — פילט זיכ א געװאַלדיקע נײטיקײַט אינ זײ, קאָלזמאַנ די **װעגנ־פראָבלעמ** אינ ביראָבידזשאַנ װעט אפנ מעכאַניזירטנ אופנ **ניט װערנ געלײזט**.

## מיט פיש־נעצ איבער טונגוסקע.

אינ יול כוידעש 30־טנ יאָר האָט די פאַרװאַלטונג פונ דער קאָמונע באַשלאָסנ אָרגאַניזירנ א פיש־פאַנג־פונקט. צו דעמ צװעק האָט מענ געקויפט נעצנ, צוגעגרייט פעסלעכ, זאַלצ אונ אַלצ, װאָס עס איז נייטיק צו כאַפּנ פיש, אונ דעמ 5־טנ אװגוסט זײַנענ 5 קאָמונאַרנ אַרויסגעפאָרנ אפנ אָרט, צומ טײַכ טונגוסקע, א װיאָרסט 7 פונ דער קאָמונע. מע האָט אָפּגערייניקט דעמ טײַכ־אויסגוס „קאָסאַ“, אויסגעבויט א בײַדל, צוגעגרייט באַזאַלצונג־פעצער אונ האָלצ אפנ גאַנצנ פעריִאָד פונ פישפאַנג. דעמ 10־טנ אװגוסט זײַנענ צוגעקומענ נאָכ 6 מאַנ, אונ די „פישער“ האָבנ שוינ פאָרגעשטעלט מיט זיכ א קאָלעקטיװ פונ 11 מענטשנ. דעמ 11־טנ אװגוסט איז מענ אַרויסגעפאָרנ כאַפּנ פיש. פריִער איז די אַרבעט צוגעגאַנגענ שװערלעכ, װײַל ס׳ראָװ זײַנענ דאָס געװענ יאַטנ, װאָס האָבנ דאָס ערשטע מאָל דערשפירט דעמ טאַמ פונ א פישער. אָבער מע האָט זיכ גענומענ אונטערציִענ אונ אינ עטלעכע טעג אַרומ האָבנ די יונגע קאָמונאַרנ געאַרבעט אַזוי גוט װי אַלטע, דערפאַרענע פישפאַנגער. אַרבעטנ פלעגט אָפּטמאָל אויסקומענ צו 18 שאָ א מעסלעכ, װײַל דער גאַנג פונ פיש איז געװענ אַזוי גרויס, אז דורכלאָזנ אימ װאָלט געװענ א גרויסער שאָדנ. געכאַפּט האָט מענ קימאַט אויסשליסלעכ „קעטאַ“. אַנדערע מינימ פיש פלעגנ זיכ מאַכנ זײער זעלטנ. אַפילע די ביראָבידזשאַנער רעגנס פלעגנ ניט קאָנענ אָפּהאַלטנ פונ אַרבעט. מע איז געװענ פאַרטאָג אינ דער נײַער זאַכ ביז די אויערנ. פונ שלאָפ אַפילע פלעגט מענ רײדנ װעגנ פיש־כאַפּנ. א 15 מעטער פונ טײַכ האָט זיכ אינ א בײַדל געפונענ א קיכ, א טיש, בענקלעכ. די אָריגינעלע „קיכ“ איז באַשטאַנענ פונ 2 פלעקער, אַרײַנגעקלאַפּטע אינ דער ערד, אונ אפ זײ איז געװענ אָנגעהאַנגענ א לאַנגער שטאַנג. אפנ שטאַנג פלעגט מענ אויפהענגענ עמערס, אונטנ אפ דער ערד האָט מענ פונ האָלצ געמאַכט א פײַער אונ אפ אַזא אופנ געקאָכט זיכ עסנ. דער טיש איז באַשטאַנענ פונ פיר פלעקלעכ, צוגעדעקט מיט א ברעט. די בענקלעכ — 2 פלעקלעכ אונ א ברעטל. אויסער דעמ האָט מענ אויסגעבויט א סקלאַד. דאָס איז אויכ געװענ א גרויסע בײַדל מיט א צװייענדיקנ מעשופּעדיקנ דאַכ, באַדעקט מיט היי. דאָרטנ האָט מענ געהאַלטנ די געכאַפּטע פיש.

אופשטײנ פלעגט אויסקומענ אַזײגער 3־2 באַנאַכט, װענ די פיש האָט אָנגעהויבנ גײנ מיט א גרויסנ אימפעט. ניט געקוקט אפ דער נאָכ שטאַרקער פינצטער־



מע כאַפּט פֿיש אין טײַך טונגוסקע.

ניש, פלעגט מענ מיט געזאנג זיכ לאָזנ צומ טײַכ. „דער נעצ איז געווענ א שווערער אונ באמ שלעפנ די שטריק פלעגט מענ גאנצ שטארק צעקלאפנ דעמ נאָז אָנ נאָסנ זאמד,—זאָגט כ׳ איגאָל, אײנער פונ די יונגע פישער.—די געכאפטע „קעטא״ האָט מענ געוואָרפנ אינ שיפל אונ זיכ ווײַטער גענומענ צומ נעצ. דעמלט איז מענ שוינ געפאָרנ ווײַטער (אנ ערעכ 2 קילאָמעטער). איבערנ טײַכ פלעגט זיכ הערנ א זינגערײַ, א הודזשערײַ, א שוויסטשערײַ. עמעצער פלעגט פארציִענ „דונקע״ — אונ אלע נאָכ אימ. געקומענ פונ אזא ווײַטער נעסיִע מיט א פול אָנגעפיקעוועטנ שיפל, האָט זיכ אָנגעהויבנ א פראָצעס פונ „טריקענענ זיכ״. מע איז געווענ דורכגעווייקט, פיטש נאס, פלעגט מענ זיכ ארײַנווארפנ אינ זאמד, מאכנ א שײַטער, אָנטאָנ די שטיוול אונ לויפנ עסנ מיטיק״.

נאָכנ רוענ א שאָ, צוויי פלעגט זיכ אָפט הערנ א געשריי: „זאיוליוויײַ! דאָס האָבנ די פישער פונ דער שכײנישער אוקראיִנישער קאָמונע „טיכאָקעאנסקי אָקטיאבער״ גערופנ ארײַנווארפנ דעמ נעצ, קעדיי ניט צו פארלירנ קײנ איבעריקע מינוט. באמ רײַכנ פישפאנג האָבנ בײדע קאָמונעס געשלאָסנ אנ אָפמאכ צו ארבעטנ וואכטעסווײַז. דאָס הייסט, אז בײס אײנ פארטיע האָט גערוט, פלעגט די צווייטע ווארפנ דעמ נעצ אונ פארקערט. אזא ארבעט-צעטײלונג האָט געגעבנ מאקסימאלע רעזולטאטנ אונ צוליב דעמ טאקע האָבנ די איקאָרצעס אינ משעכ פונ 3 וואָכנ געפאנגענ אנ ערעכ 6 הונדערט פוד „קעטא״ אונ 35 פוד רויג. די גאנצע אונטערנעמונג האָט געקאָסט 2761 רובל 59 קאָפיקעס. אויסגעלייזט האָט מענ 3094 רובל 98 קאָפיקעס. אפ אזא אופנ איז געבליבנ רײנער פארדינסט 333 רובל 39 קאָפיקעס.

כ׳ שער, אויכ אנ אָנטײלנעמער אינעמ פישפאנג, דערצײלט:

„די גאנצע צײַט איז מענ געווענ אָנגעשטרענגט. מע פלעגט ניט באווײַזנ דעמ פּנימ צו וואשנ. מיר זײַנענ אלע געווענ ווי צוגעשמידט צומ ברעג. פאר סימכע פלעגנ מיר שלעפנ אײנער דעמ אנדערנ אינ וואסער, אָנכאפנ אונדזער הונט פאר דער פעל אונ ציִענ אינ טײַכ... באנאכט פלעגט מענ אָפט באמערקנ עפעס א ליכטיקײַט אינ טײַכ. דאָס פלעגט דורכפאָרנ א דאמפער, א זעגל-שיפל, א בארזשע אפנ וועג פונ כאבאראָווסק קײנ ארכאנגעלאָווקע אונ ווײַטער, מיר פלעגנ זיכ אויסשטעלנ ווי ארמײער אונ ווארעמ באגריסנ די דורכפאָרנדיקע״.

אז די טונגוסקע האָט אָנגעהויבנ לאָזנ אונ דאָס וואסער איז דערגאנגענ ביזנ גײַדל,—האָט מענ זיכ גענומענ קלײַבנ אהיימ. מע האָט אָנגעלאָדנ אפ די שיפלעכ פעסלעכ מיט „קעטא״ אונ זיכ געלאָזנ צומ ברעג. עס פלעגט אויסקומענ זיכ דורכברעכנ א וועג דורכ די שווימענדיקע קלעצער אונ פלויטנ. די לעצטע 2—3 טעג האָט מענ די פיש אריבערגעפירט אהיימ. נאָכ פריִער האָט מענ אפנ אָרט אויסגעלייגט א פײַער אונ אלצ, וואָס עס איז ניט געווענ נייטיק, פארברענט.

אפ אזא אופנ האָט זיכ דער ערשטער פרווו פונ קאָמונע „איקאָר״ צו כאפנ פיש געענדיקט מיט א גרויסנ דערפאָלג. א טײל געכאפטע פיש האָט מענ איבערגעגעבנ דער בירא־בידזשאנער רײַאָנער קאָאָפעראציִע אינ טיכאָנקע אונ די איבעריקע געלאָזנ פאר זיכ. אויכ פונ דעמ רויג האָט מענ דער קאָאָפעראציִע אָפגעלאָזנ א געוויסנ סכומ. אינ יאָר 1931 רעכנט די קאָמונע אויסנוצנ פארנ פישפאנג צוויי נעצנ.



קאָמונאַרן מיט אָקאָרשט אַרויסגעצויגענע „קעטאַ״־פיש.

3. קאָמונע „איקאָר״.

# גערטנערײַ.

ווי געזָאגט, הָאבנ די קָאמונארנ העלדיש אונ בָאלשעוויסטיש געקעמפט מיט אלע נאטור־שווערינקײַטנ, געמאכט טָאעסנ, באגאנגענ פעלערנ, געזוכט, געפָארשט, ביז עס זײַנענ צונישט געוואָרנ די טײַנעס פונ די קעגנער.

אָבער ווי איז מיט גערטנערײַ? אפ דעם וועלנ אײַכ געבנ אנ ענטפער די קָאמונארנ דורכ אייגענער פראקטיק אונ דערפארונג. דעם ערשטנ יאָר הָאט מענ אפ א שטעטכ פונ איינ העקטאר אײַנגעפלאנצט א גאָרטנ פאר אייגענעם געברויכ (קרויט, אוגערקעס, פאָמידאָרנ, בוריקעס אונ מערנ). די קָאמונארנ זײַנענ ניט געווענ באקאנט מיט די אָרטיקע ווײַטמיזרעכדיקע באדינגונגענ. הָאבנ זיי פונקט ווי אינ ווײַסרוסלאנד (דָאס זײַנענ ס׳ראָוו געווענ ווײַסרוסישע כעווריע) פארזעצט אפ א גלײַכנ פלאץ, ניט טראכטנדיק וועגנ אויסגראָבנ פריער קאנאווע. אָבער אפנ ווײַטנ מיזרעכ פאלנ ארויס אסאכ פײַכקײַטנ, וואָס ווערט צוליבנ ליידיקנ באָדנ ניט דורכגעלאָזנ אינ די נידעריקערע שיכטנ. אזויווי זי פארהאלט זיכ אפנ אויבערשטנ באָדנ־שיכט, מוז מענ זי ארײַנפירנ אינ קאנאוועס. יענעם יאָר איז געווענ א טרוקענער זומער אונ עס הָאט זיכ געפָאדערט א גרויסע באוואסערונג. דָאכ הָאט זיכ די קרויט גוט צוגענומענ אונ אויסגעזוענ גאנצ גערָאטנ. אויכ די אוגערקעס הָאבנ ארויסגעשפראָצט אונ פאנאנדערגעלאָזנ זוימענ־בלעטלעכ. „ביז סָאפ יונ איז קיינ רעגנ ניט געגאנגענ אונ מע הָאט זיכ שוינ געריכט אפ פארטריקעניש,—דערציילט כ׳ גאָרעליק, אנ אלטער קָאמונאר נאָכ פונ א ווײַסרוסישער קָאמונע,—אָבער פלוצלונג הָאט זיכ דער הימל מיט וואָלקנס פארצויגנ אונ עס הָאט אָנגעהויבנ טריפנ א רעגנ, וואָס הָאט געדויערט א טאָג. אלע גאָרטנ־געוויקסנ זײַנענ געוואָרנ גרינ“. אָבער אינ בירָאבידזשאנ זײַנענ רעגנס גרויסע. ניט געקוקט אפ דעם, וואָס דער באָדנ איז געווענ גוט דורכגעזאפט מיט פײַכטקײַט, איז אינ א פאָר שאָ ארומ ווידער אוועק א רעגנ. ארויסגייענ ווידער אינ גאָרטנ הָאט מענ שוינ ניט געקענט, ווײַל עס איז געווענ פיטש נאס. מע הָאט געמוזט פאנאנדערדראקערנ קאנאווקעס צווישנ די רייענ קרויט, אוגערקעס אונ פאָמידאָרנ, ווײַל רעגנס זײַנענ געגאנגענ אָנ אנ אופהער. מיט קיינ שום מיטלענ הָאט מענ ניט געקאָנט אויסמײַדנ די געפאר פונ א פארפלייצונג. אלצ איז פארפאלנ געוואָרנ, אכוצ א טייל אוגערקעס, וואָס איז געוואָקסנ אפ א העכערנ אָרט.

אָבער אזא נאטור־שטערונג, ווי פארפלייצונג הָאט ניט געקאָנט ווירקנ אפ דער שטימונג פונ די קָאמונארנ. זיי הָאבנ בלויז אנערקענט דעם פעלער, וואָס איז געמאכט געוואָרנ צוליבנ ניט וויסנ די אָרטיקע קלימאטישע באדינגונגענ. אינ יאָר 1930 הָאט מענ שוינ פארזייט 3 העקטאר גאָרטנ, פונ זיי צוויי העקטאר קרויט אונ איינ העקטאר פארשיידענע קולטורנ, ווי אוגערקעס, ציבעלעס, קנאָבל, בורעקעס, בעבלעכ, פאָמידאָרנ, רעטעכלעכ. די איקאָרצעס הָאבנ געוווסט, אז אויב מע וויל באקומענ א גוטע גערעטעניש, דארפ מענ פארזייענ פרי אינ פרילינג, קעדיי זיי זאָלנ צײַטיק ווערנ נאָכ פארנ אָנקומענ פונ די פרעסט. צו דעם צוועק זײַנענ אינ אפרעל כוידעש פארלייגט געוואָרנ 3 ספעקטנ, אינ וועלכע מע הָאט פארזייט פאָמידאָרנ אונ קרויט. די פאָמידאָרנ זײַנענ אופגעגאנגענ אפ 100 פראָצענט, אָבער די קרויט איז, צוליב דער שלעכטער קוואליטעט פונ די זוימענ, ניט גערָאטנ; די אופגעגאנגענע צאָל איז

געווענ צו ווייניק אפ צו פארזייענ דעמ אָנגעמערקטנ שטעטכ. ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס עס איז שוינ געווענ מײַ כוידעש, האָבנ די קאָמונארנ געקראָגנ אנדערע קרויט־זוימענ אונ פארזייט אפ פארפלאנצ־בייטנ אינ אזוי גערופענעמ „ראסאדניק“. אויכ די פאָמידאָרנ האָט מענ אויסגעפיקירט פונ די ספעקטנ אינ א „ראסאדניק“. די טעג זײַנענ געווענ ווארעמע אונ עס איז אויסגעקומענ אָפט באגיסנ דעמ גאָרטנ, אָדער אינדערפרי, איידער די זונ הייבט אָנ צו ווארעמענ, אָדער פארנאכט, ווענ די זונ לאָזט זיכ אראָפ צומ האָריזאָנט. דאָס פלעגט מענ איבערכאזערנ איבער א טאָג אונ אָפטמאָל אלע טאָג.

קעדיי די ארבעט אפנ גאָרטנ זאָלנ זײַנ אינטענסיווער, האָט מענ אויסגעטיילט א ספעציִעלע גאָרטנ־בריגאדע מיט א פאראנטוואָרטלעכנ בריגאדיר.

שווער איז געווענ מיט מענטשנ אונ א גרויסע הילפ באמ אויספילנ דעמ פארזיי־פלאנ האָט געגעבנ די שילער־בריגאדע פונ דער כאבאראָווסקער נײַניאָריקער שול אפנ נאָמענ פונ כ' לענינ.

א גרופע פונ 28 שילער זײַנענ פרײַוויליק געקומענ אונ געארבעט אפ א שלאָגלערישנ אויפנ צוזאמענ מיט די קאָמונארנ.

די ערשטע אויפגאבע האָט זיכ געשטעלט—פארזעצנ די קרויט, אפ וויפל קרויט פאָדערט א לאנגע צײַט אפ וואקסנ. די 35 יאטנ (7 קאָמונארנ אונ 28 שילער) האָבנ צווישנ זיכ צעטיילט די ארבעט. א טייל האָבנ ארויסגענומענ די פלאנצונגענ פונ „ראסאדניק“ אונ די איבעריקע האָבנ זיי געזעצט אינ גרונט. אונ אז עס האָט גענומענ טריפנ א רעגנ (אינ אזא וועטער איז זייער גוט צו זעצנ ראסאדע), איז דער ענטוזיאזמ בא כעווריע געוואקסנ אונ אינ מעשעכ פונ 4 טעג האָט מענ פארזעצט 30 טויזנט פלאנצונגענ קרויט אונ 10 טויזנט פלאנצונגענ פאָמידאָרנ. דעמ 1־טנ יול איז דער גאנצער גאָרטנ געווענ פארטיק.

ביז אווגוסט כוידעש זײַנענ געגאנגענ זייער ווייניק רעגנס. די טרוקענע ווינטנ פלעגנ אויסדאמפנ די גאנצע פײַכטקײַט. די אוגערקעס זײַנענ געלעגנ אינ באָדנ אונ ניט אויפגעגאנגענ. „קעדיי צו פארגיכערנ דעמ אויפגיינ,—דערציילט דערזעלבער כ' גאָרעליק,—פלעגנ מיר אלע טאָג באגיסנ די אוגערקעס. די ארבעט פלעגט מענ דורכפירנ פונ 3 אזייגער פארטאָג ביז 9 אזייגער פרי. אפ רעגנ פלעגנ מיר ווארטנ מיט אומגעדולד, די געוויקסנ פלעגנ צעקנייטשנ זייערע בלעטלעכ צוליב דער ניט־גענוגנדיקער צאָל פײַכטקײַט. די לופט איז געווענ אנ אָנגעגליטע פונ די זונענשטראלנ. די ערד אזוי הייס, אז מע פלעגט ניט קאָנענ אומגיינ קיינ באָרוועסער. בלויז דאָס אָפטע באגיסנ האָט פארהיט דעמ גאָרטנ פונ טריקעניש. סאָפקאָלסאָפ האָבנ אָנגעהויבנ גיינ אָפטע רעגנס. אלצ ווערט אויפגעלעבט. די אוגערקעס האָבנ אָנגעהייבנ בליִענ אונ עס האָבנ זיכ באוויזנ קליינע פרוכטנ. די ערד האָט מענ באארבעט מיט פערד צווישנ די בייטנ. אפ די בייטנ פלעגט מענ יעטנ מיט די הענט אונ מאָטיגעס“.

אינ אווגוסט (ד. ה. פונ יאָר 1930) גייענ שוינ אָפטערע רעגנס. דער באָדנ איז איבערגעזאפט מיט פײַכקײַט, דער וועטער—א קאלטער. דאָס האָט אָנגעהויבנ ווירקנ אפ די אוגערקעס, ווײַל אוגערקעס פאָדערנ א ווארעמענ וועטער. אויסער דעמ ווערט דער לײַמיקער באָדנ שטארק אויסגעקילט צוליב דער גרויסער צאָל פײַכטקײַט, וואָס

ער פארמאָגט אינ זיכ. די אוגערקעס האָבנ אופגעהערט צו וואקסנ, דאָסזעלבע—מיט אנדערע קולטורנ.

אָבער די זוכענישנ זײַנענ ניט געגאנגענ אומזיסט. מיט דער הילפ פונ אגראָנאָ־מענ, צוגעשיקטע דורכנ „געזערד", האָבנ די יונגע גערטנער זיכ אויסגעלערנט, עס איז פאר זיי קלאָר געוואָרנ. די סיבע פונ ניטגוטער גערעטעניש אפנ ליימיקנ באָדנ. ליימיקע ערד פארמאָגט אסאכ פײַכטקײַט, ווערט שווער אונ קאלט, לאָזט ניט דורכ קיינ לופט. פארקערט, זאמדיקע ערד לאָזט דורכ דאָס וואסער אונטערנ באָדנ, אונ עס דרינגט אינ אימ ארײַנ די לופט. א טייל פאָמידאָרנ, א טייל בוריקעס אינ די גאנצע מערנ האָבנ טאקע געגעבנ א גוטנ רעזולטאט, ווײַל מע האָט זיי געזייט אפ א זאמדיקנ אָרט.

אפ אזא אופנ האָט דער גאָרטנ אינ יאָר 1930 קיינ רעוועכ ניט געגעבנ, כוצ דעמ טייל, וואָס עס איז געווענ פארזעצט אפנ זאמדיקנ באָדנ (אפ א ראָלקע). אינ־טערעסאנט, אז די פּרוּוונ צו זייענ קאווענעס האָבנ זיכ אויכ גוט אײַנגעגעבנ, ווײַל מע האָט זיי אויכ געזעצט אפ א זאמדיקנ אָרט. איצט, נאָכ צוויי יאָר פּראקטיק, האָבנ שוינ די איקאָרצעס א גוטע פאָרשטעלונג ווי אונ וועלכנ באָדנ זיי קאָנענ אויסנוצנ. דער ליימיקער באָדנ פאָדערט א גרויסע באארבעטונג אונ בייס א רעגנ העלפט קיינ באארבעטונג אויכ ניט,—דערקלערנ די קאָמונארנ. דערפאר פאָדערט אר־בעט דער זאמדיקער באָדנ אונ די רעזולטאטנ זײַנענ געזיכערטע. קעדיי צו באקומענ „ראסאדע", אונ נאָכ עטלעכע פונ די קולטורנ, ווערנ פארלייגט 100 פארניק־ראמענ.

## די לעגענדע וועגנ „אייביקער פארפרוירנקײַט".

די איקאָרצעס האָבנ גענומענ צופאסנ פארשיידענע קאטעגאָריעס פּרוכט־ביימער צו די בירא־בידזשאנער באדינגונגענ. זיי האָבנ אָנשטאָט אזוי גערופענע הויכשטאמ־ביקע אָנגעהויבנ פלאנצנ נאָר נידעריק שטאמביקע אָדער האלב־שטאמביקע ביימער, וואָס האָבנ ניט קיינ מוירע פאר פרעסט אונ ווינטנ, ווי אויכ קוסטנ־פאָרמיקע ביי־מער (פלוימענ, קארשנ). פונ די זוימענ פונ צאָפּנדיקע יאגעדע־עפּלעכ האָט מענ געפלאנצט עפּלביימער, מע האָט געזעצט בארנ, פלוימענ, קארשנ, מאלינע, ווײַנפּער־לעכ, סמאראָדינע, טרוסקאפקעס (קלובניק), אגרעסנ.

אפ פארפלאנצנ האָט מענ גענומענ פונ ווײַטמיזרעכדיקנ פּיטאָמניק ביימלעכ, וואָס זײַנענ געווענ פאסיק פאר די אָרטיקע קלימאטישע באדינגונגענ. קיינ פּרוכט איז דערווײַל, עמעס, נאָכ ניטאָ (ערשט אינ 3 יאָר ארומ, ד. ה. אינ הארבסט 1932 וועלנ זיי זײַנ), אָבער שוינ איצט קאָנ מענ פאָרויסזענ גוטע רעזולטאטנ. די קוסטעס האָבנ שוינ אינ יאָר 1930 געגעבנ מאלינעס אונ ווײַנפּערלעכ. אגרעסנ האָבנ זיכ עמעס ניט צוגענומענ, אָבער ערשט שפּעטער וועט מענ קאָנענ אויספאָרשנ, צי האָט אפ דעמ געווירקט דער באָדנ אָדער עפּעס וואָס אנדערש.

אפ צו ארבעטנ אינ סאָד האָט מענ אינ הארבסט 1929 אויסגעטיילט א בריגאדע פונ 6 קאָמונארנ. די ארבעט האָט געדויערט צוויי וואָכנ. די איקאָרצעס ווארפנ אָפּ די לעגענדע וועגנ „אייביקער פארפרוירנקײַט". פארקערט, ווענ מע האָט געפלאנצט

דעם ערשטנ יאָר, איז די ערד געווענ נאס, ווײַל עס זײַנענ דעמלט געגאנגענ רעגנס. קעדיי די קוסטעס זאָלנ ווינטער ניט אויספרירנ, האָט מענ זיי פארדעקט מיט ערד, אפ דעם באמיסטיקט, אונ דער פראָסט האָט צו זיי קיינ צוטריט ניט געהאט.

## פארזיי־קאמפאניע.

צו דער פארזיי־קאמפאניע גרייט זיכ די קאָמונע אלעמאָל שטארק. די דערפא־רענע קאָמונארנ פארשטייענ, אז פונ דערפאָלגרײַכנ רעזולטאט פונ פארזיי הענגט אָפ די גאנצע ווירטשאפט. זיי ווייסנ אויכ, אז א גוטער פארזיי זיכערט פאר דער כראָלעטארישער מעלוכע א גענוגנדיקע צאָל ברויט, אנ אקטיווג באלאנס, א וווּקס פונ דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע. דעריבער איז אינ יאָר 1931 לויט דער איני־ציאטיוו פונעמ קאָמיוגישנ קעמערל אָרגאניזירט געוואָרנ בא דער קאָמונע א „דרײַ־לינג" אפ צוגרייטנ דעם פארזיי. אָנהייב אפרעל האָט מענ פארלייגט פיר פארפלאנצ־טפעקטנ. מע האָט צוגעגרייט די נייטיקע זריע, ווי אוגערקעס, בעבלעכ, קנאָבל, ציבעלע, בוריקעס, רעטעכלעכ אונ אנד. דער גאָרטנ וועט הײַאָר פארנעמענ 12 העק־טאר. עס זײַנענ אויכ צוגעגרייט געוואָרנ פרוכטביימעלעכ פארנ סאָד (א האלב העק־טאר). די ארבעט ווערט אָנגעפירט דורכ א גערטנער־אגראָנאָמ (געענדיקט דעמ טימי־ראזעווער טעכניקומ אינ מאָסקווע) אונ א גערטנער־פראקטיקער (א כינעזער, וואָס איז גלענצנדיק באקאנט מיט די באָדנ־אונ קלימאט־באדינגונגענ פונ ווײַטנ מיזרעכ) אויסער דעם האָט דער „דרײַלינג" דורכגעפירט א רעמאָנט פונ די לאנדווירטשאפט־לעכע מאשינעס אונ טראקטערס. טראקטערס פאריכט מענ נאָענט, אינ דער דער בײַיקער קאָמונע. די איבעריקע מאכשירימ ווערנ צורעכט געמאכט אינ דער נײַ־אופ־געבויטער קוזניע, ווו עס זײַנענ באשעפטיקט צוויי מענטשנ.

## אפנ בויונג־פראָנט.

די בויונג־ארבעט אינ „איקאָר" האָט זיכ פאקטיש אָנגעהויבנ דעם לעצטנ יאָר, ד. ה. אינ יאָר 1930. פריער האָט מענ בלויז אויסגענוצט די פארטיגע געבײַדעס, וואָס זײַנענ געבליבנ פונ פרווו־פעלד. ערשט מיטנ אָנקומענ פונ נײַע מענטשנ אונ מיט דער פארגרעסערונג פונ דער ווירטשאפט—האָט די בוי־קאָנטאָר פונ בירא̈בי־דזשאנער רײַאָנ זיכ אונטערגענומענ אויסבויענ א נײַע הויז, לויט דער סיסטעם פונ א 12־דירעניק (4 צימערנ צו 2 פערזאָנ, 4 צימערנ צו 4 פערזאָנ, 4 צימערנ צו 6 פערזאָנ), פונ וועלכע מע האָט צוויי צימערנ (צו 6 פערזאָנ) פארייניקט אינ א קלוב. די ארבעט האָט באשעפטיקט 8 בויער. שוינ פונ אָנהייב זײַנענ אנטשטאנענ פארשיי־דענע שוועריקײַטנ. עס האָט געפעלט געהילצ, גלאָז, קוואליפיצירטע בויער. עס זײַנענ אפילע געווענ שעדיקער, וואָס האָבנ באוווסטזיניק געשטערט דער ארבעט, ווי דער געוועזענער דעסיאטניק, א קאָלטשאקאָוועצ. אָבער צוביסלעכווײַז זײַנענ די מעניעס באקעמפט געוואָרנ. גלאָז האָט צונעשטעלט דער בירידערלעכער מילכ־אונ גערטנערײַ־סאָווירט אינ פאָקראָווקע. א טייל ארבעטער האָט זיכ דערקלערט פאר שלאָגלער אונ האָט ארויסגערופנ אפ א געוועט די איבעריקע 5 בויער. מע האָט געארבעט

אָפטמאָל פונ 12 ביז 14 שאָ א מעסלעס, אָנ אָפרו־טעג, אליינ געשטעלט זיכ בלאָזנ די פענצטער — ביז דאָס הויז איז פארטיק געוואָרנ. אויסער דעמ איז אינ דעמ יאָר דורכגעפירט געוואָרנ א רעמאָנט פונ פערד־שטאל, קי־שטאַל. אינ צוזאמענהאנג מיטנ אָנקומענדיקנ ווינטער האָט מענ פאריכט די שליטנס.

קאָנקרעטער וועגנ די שוועריקײַטנ. „די קאָמונע איז לעכאטכילע ניט געווענ צוגעגרייט איבערצופירנ די בוי־מאטעריאַלנ, — גיט איבער כ׳ פאָדגאָרני, דער ערשטער בויער פונ „איקאָר״, — אז עס פלעגט אויסקומענ קויפנ בא די ארומיקע פויערימ צוועלעכע קלעצער. די פויערימ פלעגנ גאנצ טײַער בעטנ פארנ געהילצ, אָבער די קאָמונע האָט מער, אויסער פוטער, גאָרניט פארמאָגט. האָט מענ געשמירט מיט פוטער, אונ געקראָגנ האָלצ... אפ צו מאכנ די אויוונס האָט מענ צוגעצויגנ צופעליקע מענטשנ, זיי האָבנ מאמעש געריסנ די הויט. ווינטער האָט אויסגעפעלט ספעצקליידונג, עס זײַנענ ניט געווענ קיינ הענטשיקעס, וואָליקעס, אונ די בויער האָבנ זיכ אָפגעזאָגט צו ארבעטנ. אָבער צו דער צײַט זײַנענ צוגעקומענ 10 ייִדישע בויער, אָקאָרשט געענדיקט די בויער־קורסנ אינ קאָלווירט וואלדהיימ. אינ 45־גראדיקנ פראָסט פלעגנ זיי זיכ לאָזנ אינ וואלד האקנ ביימער אונ צוגרייטנ מאטעריאַלנ. מע האָט דורכגעפירט א זונטיקניק אונ אויסגעשטאט דעמ קלוב מיט בענק״.

שפעטער האָבנ די נײַע בויער גענומענ בויענ א בעקערײַ (די געבײַדע איז א צײַט צוליב דירעס־מאנגל פארנומענ מיט איבערוואנדערער) אונ פארטיק געמאכט זי פארנ כוידעש. צומ 7־טנ נאָיאבער — יאָרטאָג פונ דער רעוואָליוציע — האָט מענ אויסגעבויט א סצענע אונ אויכ אָנגעהויבנ בויענ א שטאל פאר קעלבער, וועלכער איז אויבערגעמאכט געוואָרנ אינ א כאזיירימ־שטאל. דערנאָכ איז מענ צוגעטראָטנ בויענ אנ אײַז־קעלער אונ א קוזניע אונ מע האָט געלייגט דעמ פונדאמענט פונ א נײַעמ 12־דירעניק. דידאָזיקע געבײַדע האָט לעכאטכילע געדארפט זײַנ דיזעלביקע ווי דער פריער דיקער 12־דירעניק. האָבנ זיכ אָבער ארײַנגעמישט די בויער אונ געענדערט דעמ פלאנ. זיי האָבנ פאָרגעלייגט דער פארוואלטונג פונ דער קאָמונע אונ בירעבידזשאנער בוי־קאָנטאָר פארגרעסערנ דעמ צוזאמענוווינונג אפ 2 דירעס אפ דיזעלביקע הוצאָעס. אפ אזא אויפנ האָבנ די ארבעטער פארקלענערט דעמ זעלבסטקאָסט פונ 12־דירעניק אפ 23 פראָצענט. פאר דער לעצטער צײַט האָט די קאָמונע דורכגעפירט צוויי זונטיקניקעס אפ איבערפירנ מיט פערד דאָס געהילצ פונ ניקאָלײַעווקער האָלצזאוואָד (14 קילאָמעטער ווײַט). אונ אפנ דאָזיקנ געביט, אינ צוזאמענהאנג מיט די גוואלדיקע טראנספאָרט־שוועריקײַטנ בא הײַנטיקנ טאָג אפנ ווײַטנ מיזרעכ, איז אינ בירעבידזשאנער אופגעטאָנ געוואָרנ אסאכ, מאמעש העלדישקײַט.

נעמט פאָלגנדיקנ בילד פונ קאָמונע־לעבנ.

א שטארק־פינצטערער ווינטערדיקער טאָג. 5 אזייגער באגינענ. אפ די הארטע געלעגערס צווישנ אינ אומאָרדענונג צעוואָרפענע קליידער אונ פיס־טיכער כראָפענ געשמאק די קאָמונארנ. א טאָג א שווערער געווענ, דורכגעפראָרנ זיכ. בלויז דער אומדערשראָקענער נאכט־שוימער מיטנ שײַנענדיקנ לאמטערנ אינ דער האָריקער האנט איז וואכעדיק. זײַנ געטרײַער כאווער, דער הונט, טרײַבט מיט די שפיציקע לאנגע אויערנ די אומפליי, מאכנדיק מיט לײַבישער שוועריקײַט אינ טרוקענעמ שניי אקראָבאטישע געווירבל־שטיק. מיטאמאָל:



די געבײַדעס פֿון דער קאָמונע.

— גלונ, גלונ, גלונ.

וואָס איז געשענ? — שארפ, עמפּפינדלעכ, אָנגעשטרענגט זײַנענ די אויגנ באם היטער. די ביקס—אינ האנט, פינגער—אפ צינגל.

— ווער גײט?

ניטאָ קײנ ענטפער.

— גלונ, גלונ, גלונ.

מע דארפ וועקנ. פונדערווײַטנס בליצט א קלײנ קאָלירט פײַערל, אלצ נעענטער אונ גרעסער. דער געניטער נאכט־שוימער ווײס שוינ וואָס דאָס איז. ער דערמאָנט זיכ:

— נעכטנ האָט מענ פונ סטאנציע אָנגעזאָגט: די קאָמונארנ מוזנ באם ערשטנ סיגנאל אופשטײנ אויסלאָדעווענ דאָס געהילצ, וואָס וועט זיכ אָפּשטעלנ לעם קאָמונע. ער בראוגעט אינ אײַזנ מיט אלע קויכעס, אזש פונקענ פליענ אינ דער פינצטערער שווארצקײַט פונ נאכט.

אינ די צימערנ איז א גערודער.

— הא, עס ברענט!—שרײַט אײנער אונ כאפּט זיכ אינסטינקטיוו צום עמער שמורציקע נאכט־וואסער. די נײַע קאָמונארנ, ערשט אָנגעקומענע, קראצנ זיכ פויל די פלײצעס. עס ווילט זיכ ניט אופשטײנ אינ אזא אײַז־קאלטער נאכט. ס'לויפט ארײַנ דער שטענדיק געלאסענער פארוואלטער, די היטל איז בא אים פארדרײט אפ א זײַט. פונ כאפּעניש פארגעסנ אויסגלײַכנ. נאָכ אים סאָפּענדיק—א צווײטער, א דריטער, א פערטער—כעוורע ענערגישע, פלינקע.

אפנ וועג איז א געוועט־לויפ. מע אָטעמט שווער. ברוסטנ הײבנ זיכ, פיס בײגנ זיכ שווער. שלאָגלערס פאָרויס, קאָמיוגיסטנ יאָגנ איבער. עס שווימט ארויס א מינורטיקער עלטסטער. כעוורע וויצלענ זיכ:

— נאטשאלניק, א, כאווער נאטשאלניק!..

אונ אז וועגענער פליִענ, שטײענ אפ זײ שלאָפנדיקע קאָמונארנ. אײנער אײַנגעקלאמערט אינ אנדערנ. אפנ וועג טרעפט מענ א שאָכנ פונ נאָענטנ דאָרפ, שטעלט ער אויס א פּאָר פארווונדערטע אויגנ אונ פרעגט:

— הא, עס ברענט?...

— נײנ, קאָמונארנ לויפנ האָלצ לאָדעווענ: אָקאָרשט אָנגעקומענ, קײנ צײַט צוווארטנ איז ניטאָ.

אײנ מינוט—אונ די יאטנ זײַנענ שוינ אפ די פלאטפאָרמעס. דער באגלײטער שמײכלט גוטמוטיק, פונ זײַנע צעפוילטע קלײנע צײנערלעכ פליסט א סטרונעלע.

— כא, איר וועט גאָרנישט אופטאָנ, יאטלעכ אײנע.

— וועסט זענ, וועסט זענ, וועסט זיכ איבערצײַגנ,—ענטפערט מענ צעפּארעטע, צעקאָכטע.

שפּעטער איז א גערויש, א הודזשערײַ, א פאל פונ א קלאָצ, א וואָרפ פונ א קלאָצ, מע סאָפּעט צום טאקט. מע וויצלט זיכ צום טאקט. אונ 4 וואגאָנ גראָבע, קײַלעכדיקע קלעצער ליגנ אויסגעשלײַדערט אפנ פלאציקנ באנ־פלאנט. דער באנ־באגלײטער, דער מענטש פונ טײַגע, פונ בלוטיקע באנ־קאטאסטראָפעס, דער פארטיזאנ פונ בירגער־קריג, שטײט פארגאפט פונדערווײַטנס. זײַנ פּאָנעם איז שוינ ערנסט געוואָרנ, ער שיט מאכאָרקע אינ אנ אראָפּגעריסענעם פאפירל אונ די אויגנ לײַכטנ אינ ווינטערדיקנ באגינענ.

— מאָלאָדצי קינדער, גוט אזוי!

דער וועג אינ דער קאָמונע איז טיפ שנייִק אונ צווײ צענדליק קאָמונארנ שפּאַבענ אפּ אנ אויסגעטראָטענער סטעזשקע. א צאָפּנ־ווינט וויגט די אָפּנ געלאָזטע היטלאויערנ. דער זודיקער פראָסט טונקט מיט רויטער פארב נאָז, באקנ, שטערנס אונ אלצ, וואָס מאכט זיכ אפּ זײַנ סמאליקנ וועג. פּלוצלונג רופט אײנער אויס: זאָלנ לעבנ די שלאָגלער פונ ערשטנ וואגאָנ, הורא!

— הורא, הורא!—כאפּנ אונטער די איבעריקע אונ מע הייבט די העלדנ אינ געדיכטנ לופטנ.

פונדערווײַטנס פארשווימט דער לעצטער שײַנ פונ פּראכט־צוג. רײַטער אונ פורנ שפּרינגענ שוינ ניט. די פוסגייער טרעטנ געלאסנ אונ זיכער. הענק אפּ אקסלענ, דרענגלעכ אפּ פּלייצעס.

א ניצאָכנ אינ דער טײַגע.

— הער, א זאפּעוויילע גיב. אונ אז אײנער מיט א דינער אלט־שטימע פארלויפּט פּאָרוים אונ פארציט שטיל, דערנאָכ העכער, העכער, לאָזנ די קונדייסים צורו די שנייעלעכ מיט די קאָלנערס אונ ווי דויטארמייער (פּונקט ווי אינ ווײַסרוסישנ שטעטל, ווענ מע איז דורכגעגאנגענ „וסעאָבוטש”) דונערנ זיי מיט גראָבע באס־שטימענ „קראסנאיא ארמיִא ווּפּעריאָד”.

אָט איז שוינ די קאָמונע, באקאנטע הײַזלעכ. פונ קיכ שפּארט אינ דער דורכזיכטיקער לופט א קוימענדיקער ווײַספארעדיקער רויכ. די מיידלעכ זײַנענ שוינ לאנג אופגעשטאנענ מעלקנ. זיי באגעגענענ די יאטנ מיט צעהיצטע פענעמער, ווײַסע טיכלעכ פאָכענ.

— הורא, זאָל לעבנ די שלאָגלער־בריגאדע פונ האָלצ אונ קלעצער!

— הורא, הורא!

אפּמאָרגנ זײַנענ געפּאָרנ קרעפּטיקע, פלייציקע, זודיקע יונגע מענטשנ אונ געפירט קלעצער אינ דער קאָמונע ארײַנ, בויענ א סאָציאליסטיש הויז פאר מאָרגעדיקנ טאָג.

אָט מיט וואָס פאר א טעמפּנ אונ ענטוזיאזמ די קאָמונארנ ארבעטנ, קעדיי צו ברענגענ געהילצ פאר דער סאָציאליסטישער בויונג.

די ארבעטער (בויער, שטוקאטורער, בלעכער אונ אנד.) שטעלנ מיט זיכ פאָר א באזונדערנ קאָלעקטיוו, וואָס הערט באדינט דורכ דער בוי־קאָנטאָר. זיי זײַנענ אָבער אזוי ענג באהעפט מיט די אינטערעסנ פונ דער קאָמונע, אז אינ דער ארבעט פילט זיכ קײנ אונטערשייד ניט, צי א קאָמונאר, צי א געדונגענער ארבעטער. עטלעכע יידישע בויער האָבנ זיכ אפילע פארשריבנ פאר קאָמונארנ. לעכאטכילע זײַנענ אינ יאָר 1930 אָנגעקומענ 11 אזעלכע בויער (צווישנ זיי 4 פונ אמורזעט, 5 פונ חאלדהיים). אינ הארבסט זײַנענ געבליבנ 6. פונ זיי זײַנענ 3 אָפּגעפאָרנ אפּ פארשיידענע ערטער אינ בידראָבידזשאנ אונ בא היינטיקנ טאָג ארבעטנ אינ „איקאָר” 13 בויער (3 יידישע אונ 10 רוסישע). די רוסישע זײַנענ געקומענ ס'ראָוו פונ אָרענבורג, סיביר אונ פונ ווײַטנ מיזרעכ. אונ ווער זײַנענ די יידישע?

לאָמיר געבנ דאָס וואָרט אײנעמ פונ דידאָזיקע, דעם כאווער קאָגאנ פונ סאראטאָוו. ער דערציילט:

„לויט א נאריאד פונ „געזוערד“ בינ איכ געשיקט געוואָרנ אפ בויער־קורסנ אינ בירא־בידזשאנ. טעאָריע אונ פראקטיק זײַנענ מיר דורכגעגאנגענ אינ קאָלווירט וואלדהיים. די ערשטע צײַט האָט זיך די ארבעט ארויסגעוויזנ צו זײַנ א שווערע, שפּײַז איז ניט געווענ גענוג. אויכ דירעס האָט געפעלט, נאָר יענע יִידישע ארבעטער־יוגנט, וואָס פאר איר איז געווענ קלאָר דער וועג, האָט זיכ מיט פלײַס גענומענ צו דער ארבעט. די טײַגע איז געפעלנ געוואָרנ. דער פולוואסערדיקער טײַכ בירא אונ די ארומיקע אָזערעס האָבנ געשוויבלט מיט פיש. אינ דער פרײַער צײַט פלעגנ מיר שפּאצירנ אונ כאפּנ פיש. פארענדיקט די קורסנ, האָבנ מיר זיכ ארײַנגעוואָרפנ אינ דער סאָציאליסטישער בויונג פונ בירא־בידזשאנ: א טייל האָט מענ געשיקט קיינ אמורזעט, א טייל (צווישנ זיי אויכ איכ) זײַנענ געבליבנ אינ וואלדהיים. ניט געקוקט אפנ אומצוטרוי פונ טעכפערסאָנאל, האָט מענ אונדז דאָכ אָנפארטרויט מאכנ וועגענער, קעדיי ארא־פּצופירנ פונ די פעלדער די אָפּגעשניטענע טווע, דערנאָכ האָבנ מיר געבויט א 6־דירעניק. די ארבעט איבער דערדאָזיקער געבײַדע האָט נאָכ מער באשטעטיקט, אז די יאטנ אפ די קורסנ האָבנ זיכ אויסגעלערנט בויערײַ.

נאָכ דעם האָט מענ אונדז געשיקט אינ קאָמונע „איקאָר“. די ערשטע צײַט איז געווענ אנ אָפּהאלט אינ מאטעריאלנ. עס האָט אויסגעפעלט טעכפערסאָנאל, געווענ ווייניק ארבעט־הענט, באזונדערס קוואליפיצירטע. קעדיי ווי עס איז באזײַטיקנ דעם מאנגל אינ בוי־מאטעריאלנ, קעדיי צו ליקווידירנ דעם דורכרײַס אינ דער בויונג, פלעגנ מיר גייג אינ וואלד אונ האקנביימער. דאָכ האָבנ מיר, ניט געקוקט אפ אלע שוועריקײַטנ, פאָרגעזעצט די ארבעט. בא הײַנטיקנ טאָג האָט זיכ די לאגע געביטנ. מיט בוי־מאטעריאלנ זײַנענ מיר שוינ באזאָרגט. מיר בויענ נײַע געבײַדעס. דאָס גיט א מעגלעכקײַט אופנעמענ פרישע איבערוואנדערער אונ אנטוויקלענ אונדזערווירטשאפט“.

אזוי דערציילט א יאט, וואָס האָט אלײנ דורכגעמאכט די פארשיידענע פעריפּעטיעס אונ שווערע פרווונגענ אונ איז איצט אײנער פונ די בעסערע בויער אינ דער קאָמונע.

אויסער די בויער זײַנענ פאראנ 6 רוסישע זעגער, וואָס זײַנענ באשעפטיקט באַם שנײַדנ קלעצער אונ מאכנ 3, 4 אונ 6 סאנטימעטערדיקע ברעטער, אונ 6 יִידישע שטוקאטורער—אלע געקומענע פונ מינסק (אפ דער בויונג אינ „איקאָר“ האָט די בירא־בידזשאנער בוי־קאָנטאָר אויסגעגעבנ פונ ערשטנ פעווראל 1930 ביזנ ערשטנ יאנואר 1931 42000 רובל).

לויט דער מיינונג פונ די בויער שטערנ פאָלגנדיקע אומשטענדנ דער בויונג אינ בירא־בידזשאנ: עס ווערט ניט צודערצײַט צוגעגרייט דאָס געהילצ, ניט אלעמאָל ווערט צוגעשטעלט די געהעריקע קוואליטעט, עס פעלנ טעכנישע טויער, עס איז א שוואכער אינסטרוקטאזש. אָבער די אלע שטערונגענ ווערנ שוינ באזײַטיקט אינ צוזאמענהאנג מיט דער נײַער לאגע, וואָס שאפט זיכ ארומ דער קאָמונע. שוינ אינ יאָר 1931 איז מענצוגעטראָטנ צו בויענ (לויטנ פּראָיעקט פונ פּראָפעסאָר קונצ) א סאָציאליסטיש שטעטל אינ בירא־בידזשאנ. דאָס שטעטל נעמט ארײַנ אינ זײַנ טעריטאָריע אויכ די קאָמונע. עס איז שוינ דערגרייכט געוואָרנ א פּרינציפּיעלער העסקעם, אז די קאָמונע „איקאָר“ גיסט זיכ צונויפ מיט דער שכײַנעסדיקער אוקראאינער קאָמונע „טיכאָקאָקעאנסקי אָקטיאבער“. ביידע שאפנ דעם פונדאמענט פונעם קומענדיקנ שטעטל. דידאָזיקע גראנדיעזע אונטערנעמונג נייטיקט זיכ אָבער אינ א דערוויַליקער באזע.

אונ צו דעמ צוועק ווערנ אויסגענוצט די „איקאָרישע“ געביידעס. אפ א געמיינזאמער באראטונג פונ אמעריקאנער „איקאָר“-אָרגאניזאציע (דידאָזיקע אָרגאניזאציע בויט דאָס שטעטל אונ באזאָרגט עס מיט די מאָדערנסטע מאשינעס) צוזאמענ מיט „איקאָר“ אונ „טיכאָאָקעאנסקי אָקטיאבער“ איז באשלאָסנ געוואָרנ פאָרלויפיק קיינ נייע געביידעס אינ די קאָמונעס ניט בויענ, נאָר פארענדיקנ די אָנגעהויבענע. אפ אזא אויפנ האָט די קאָמונע „איקאָר“ נאָכ הייַנטיקנ יאָר פארענדיקט דעמ 11-דירעניק אונטער דער אויפזיכט פונ אמעריקאנער ארבעטער אונ טוער. ווייטער אָבער גייט די גאנצע בויונג אינ סאָציאַליסטישנ שטעטל, וואָס האָט לויט גענויע פלאנירטע אויסרעכענונגענ באשעפטיקט אינ מיי 1931 16 בויער, 6 שטוקאטורער, 1 סטאָליער, 1 בלעכער, 6 זעגער—בעסאכאקל 30 ארבעטער. דער צענטער פונ דער נייער בויונג געפינט זיכ אפ דער אזויגערופענער באלאנאנסקער סאָפקע (א 2 קילאָמעטער פונ דער קאָמונע). אינ מעשעכ פונ יאָר 1331 רעכנט מענ אויסבויענ א הויז פונ 200 דירעס אונ אָנהויבנ בויענ א קי-שטאל אפ 200 שטיק, ווי אויכ א כאזיירימ-שטאל אפ 200 שטיק—ביכלאל דורכפירנ 10 פראָצענט פונ בויונג-פלאנ. די ארבעט וועט דורכגעפירט ווערנ דורכנ טרעסט „דאלסטראָי-אָביעדינעניע“. צו דעמ צוועק ווערט לעמ דער קאָמונע געשאפנ א ספעציעלער ציגל-זאוואָד, וועלכער וועט ברענענ דעמ אָרטיקנ ליימ, וואָס האָט זיכ ארויסבאוויזנ אלס פאסיק דערצו.

אינ 1932 איז אָנגעמערקט אויסצופילנ 40 פראָצענט פונ דער בויונג אונ אינ יאָר 1933—די איבעריקע 50. די אונטערנעמונג איז אויסגערעכנט אפ עטלעכע טויזנט מענטשנ. אכוצ די איבער 70 יידישע ארבעטער פונ ארגענטינע אונ דייטשלאנד (האמבורג) זיינענ לעצטנס אָנגעקומענ ארבעטנ אינ סאָציאַליסטישנ שטעטל („איקאָר“) איבער הונדערט מענטשנ פונ ליטע.

עס איז כאראקטעריסטיש, אז פונ קאפיטאליסטישנ געגנעמ קומענ אָנ קעסיידער מעלדונגענ פונ יידישע ארבעטער וועגנ אופנעמענ זיי אפ ארבעט אינ בירָאבידזשאנ. אזוי האָבנ זיכ געווענדעט ביז 1-טנ סענטיאבער 1931 יאָר 289 מענטשנ פונ פאלעסטינע, 52 פונ לעטלאנד, 15 פונ דייטשלאנד, 94 פונ פראנקרייַכ, 162 פונ בעלגיע אונ נאָכ א גרויסע צאָל פונ ארגענטינע, ליטע אונ דייטשלאנד. דאָס שטעטל—ווי ביכלאל בירָאבידזשאנ אונ פ.ס.ס.ר.—ווערט א צוציונג-קראפט פאר די סאָציאַל אונ נאציאָנאל אונטערדריקטע יידישע ארבעטער-מאסנ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער [1].

## טראקטערס אפ רויערד.

די קאָמונארנ פארמאָגנ 2 טראקטערס (שפעטער רעכנט מענ, עס זאָלנ אָנקומענ נאָכ טראקטערס): 1 „אינטערנאציאָנאל“ אונ 1 „קלעטראק“. דעמ ערשטנ האָבנ די איקאָרצעס באקומענ אינ אפרעל 1930 יאָר ווי א מאטאָנע פונ „געזערד“. דעמ צווייטנ—אינ מיי דעמזעלבנ יאָר. לעכאטכילע האָט מענ דעמ „אינטערנאציאָנאל“ אויסגענוצט אפ איבערפירנ מאסע, ווייל צו פעלד-ארבעט איז ער בא די בירָאבידזשאנער באדינגונגענ ווייניק צוגעפאסט.

[1]) לויטנ פלאנ דארפנ אינ יאָר 1932 קומענ אפ ארבעט אינ בירָאבידזשאנ פונ די קאפיטאליסטישע לענדער 12 טויזנט ארבעטנדיקע.

„די ארבעט פונ די טראקטערנ לײַדט, ערשטנס,—דערצײלט כאווער זובער, דער „איקאָר"־טראקטעריסט,—דערפונ, וואָס עס זײַנענ ניטאָ קײנ טראקטעריסטנ, וואָס זאָלנ ארומגײנ ארום זײ. צווײטנס איז ניט רעגולירט די פראגע וועגנ רעמאָנט. די שמידערײַ, וואָס געפינט זיכ אינ „איקאָר", איז ניט גענוגנדיק אפ צו רעמאָנטירנ טראקטערס אונ עס קומט זײ אויס צו פירנ אינ פאל פונ קאליע ווערנ אינ דער שכײנעסדיקער קאָמונע, ווו עס איז פאראנ א בעשוטפעסדיקער רעמאָנט־ווארשטאט („איקאָר" האָט פונ זײַנ זײַט ארײַנגעטראָגנ 5000 רובל). וויפל צאָרעס האָבנ געהאט אויסצושטײנ די קאָמונארנ די פריערדיקע יאָרנ, בײס עס פלעגט זיכ צעברעכנ א טראקטער. כ' שיפרינ, א געוועזענער טראקטעריסט, דערנאָכ פאָרשטײער פונ דער רײַאָנישער איבערוואנדערונג־פארוואלטונג, גיט איבער:

„נאָכנ ענדיקנ די 8־כאדאָשימדיקע קורסנ אינ טיכאָנקע האָט מענ מיכ טײקעט געשיקט אינ „איקאָר" אפ א דרינגענדיקער ארבעט. דאָרטנ האָט זיכ אינ רעכטנ ברעג פונ דער פארזײ־קאמפאניע צעבראָכנ דער „קלעטראק". פאריכטנ אפנ אָרט האָט מענ ניט געקאָנט—עס זײַנענ קײנ ווארשטאטנ ניט געווענ. איז דעריבער אויסגעקומענ דערפירנ דעמ טראקטער ביז דער סטאנציע וואָלאָטשײַעווקע אונ מיטנ באנ קײנ טיכאָנקע (124 קילאָמעטער). פונ טיכאָנקע האָט מענ אימ געשיקט דורכנ וועג קײנ בירעפעלד (59 קילאָמעטער).

אזוי איז געווענ פריער. איצטער גײענ שוינ די קאָמונארנ אפנ וועג פונ לײזנ די פראגע וועגנ רעמאָנט. פאראיאָרנ פלעגנ די יאטנ 8 שאָ באארבעטנ $^3/_4$ העקטאר רויערד. דער „קלעטראק" האָט געקאָרטשעוועט, געאקערט, אונ דער „אינטער" האָט געזײט.

## ארבעטער צוהילפ די קאָמונארנ.

מע דארפ אָפצײכענענ די עטלעכע צענדליק ארבעטער (בויער, שטוקאטורער, בלעכער אונ אנדערע), וואָס זײַנענ באשעפטיקט אינ דער קאָמונע. זײ געהערנ ניט צומ מיטגלידער־באשטאנד פונ דער קאָמונע, טראָגנ ניס ארײַנ קײנ קאָמונארנ־פײַ (5 רובל א כוידעש), נאָר געניסנ פונקט ווי אלע פונ קאָלעקטיווער שפײַז, דירע אונ באדינונג. זײ ארבעטנ אונטער דער אָנפירונג פונ עלטערע (דעסיאטניקעס), זײַענדיק אונטערגעוואָרפנ דעמ „פראָראב" (אָנפירער פונ ארבעט).

די הײַזער־בויונג ווערט דורכגעפירט דורכ דער בירָאבידזשאנער בוי־קאָנטאָר. אפ אזא אופנ איז דער פינאנסיעלער באלעבאָס פונ די ארבעטער—די בוי־קאָנטאָר. די קאָמונע העלפט מער ניט מיט קאָנטראָל, זאָגט ארויס איר מײנונג אונ דאָסגלײַכנ.

אָנהײב 1931 האָבנ דידאָזיקע בוי־ארבעטער אויסגעקליבנ א פראָפבאפולמעכטיקטנ, וואָס מיט זײַנ הילפ זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ עטלעכע פארזאמלונגענ וועגנ טעמפנ פונ בויונג, וועגנ באציונגענ צווישנ די ארבעטער אונ קאָמונע. די בויער האָבנ אָפגעארבעט אײנ זונטיקניק לעטויוועס דעמ קולטור־הויז [1], א צווײטנ, א באצאָלטנ שלאָגלער־טאָג—פאר דער קאָמונע.

[1] בויענ דעמ בירָאבידזשאנער קולטור־הויז איז מענ צוגעטראָטנ מיט שטארקע טעמפנ לויטנ באשלוס פונ די צענטראלע אָרגאניזאציעס.

# אָרגאַניזאַציע פונ אַרבעט.

איינע פונ די וויכטיקסטע פראגנ, וואָס עס האָט צו לייזנ א קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, איז די פראגע וועגנ אַרבעט־אָרגאַניזאַציע. די יונגע קאָמונאַרנ האָבנ זיכ לעבאַטכילע אָרגאַניזירט אינ א קאָמונע. אינ דער קאָמונע פאַרמאָגט קיינער ניט קיינ פּריוואַט־אייגנטומ. אַלצ, אָנהייבנדיק פונ דער ווירטשאַפט, באַזאָרגונג אונ קאָמונאַלע נייטנ,—ווערט באַפרידיקט אַפ א קאָמוניסטישנ אופנ.

אָבער דאָס אַלצ פאָדערט אָרגאַניזאַציע, אָנפירונג, פּלאַנמעסיקייט. איז ווי האָבנ די קאָמונאַרנ דידאָזיקע פראַגע געלייזט?

מיט דער גאַנצער אַרבעט פירט אָנ די פאַרוואַלטונג, וואָס ווערט אויסגעקליבנ אַפ דער אַלגעמיינער באַריכט־פאַרזאַמלונג פונ די קאָמונאַרנ (איינמאָל א יאָר). ביכלאַל, אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגענ ווערנ צונויפגערופנ אַלע כוידעש, אַפילע אָפטער. די פאַרוואַלטונג באַשטייט פונ 5 מענטשנ אונ ווערט אָנגעפירט דורכנ פאָרזיצער, וואָס אימ וואַרפנ זיכ אונטער די איבעריקע: פאַרטרעטער, ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער, פאַרוואַלטער פונ שטייגער אונ קאַסיר. אויסער דעמ זײַנענ נאָכ פאַראַנ 2 קאַנדידאַטנ (די פאַרוואַלטונג־זיצונגענ זײַנענ אַלעמאָל אָפענע מיטנ אָנטייל פונ א גרויסנ אַקטיוו). צוויי אָדער דרײַ מאָל א כוידעש קומענ פאָר פראָדוציר־באַראַטונגענ (ניט רעכענענדיק יענע באַראַטונגענ, וואָס ווערנ דורכגעפירט מיט די נײַע, אָנגעקומענע איבערוואַנדערער). דאָרטנ קלײַבט מענ אויס בריגאַדירנ, וואָס זײַנענ פאַראַנטוואָרטלעכ פאַר די פאַרשיידענע ווירטשאַפט־געביטנ, וואָס ווערנ זיי אָנפאַרטרויט. די בריגאַדירנ וואַרפנ זיכ אונטער דירעקט דעמ ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער אונ פילנ אויס אָנפירנדיקע פונקציעס, ווי: עלטסטער פי־צווזעער (סקאָטניק), טראַנספּאָרטניק, גערטנער, פאַראַנטוואָרטלעכער ווירטשאַפטלעכער אַרבעטער, טראַקטעריסט, אָנפירער פונ קיכ אונ וועשערײַ. אַהער קומענ נאָכ צו בריגאַדירנ באַמ היי־שנײַדנ, קאָרטשעווענ אונ פישפאַנג. אינ „איקאָר” האָבנ די קאָמונאַרנ אינ יאָר 1931 אויסגעפילט פאָלגנדיקע פונקציעס: פי־צווזעערס, כאַזיירים־צווזעערס, פערד־צווזעערס, מעלקערנס, מילכ־אַרבעטער, אַגראָנאָמ, זאָאָטעכניק, געהילפ־מעדיקער, וועשערנס, קוכערנס, בעקער, קעלנערקעס, וואַסער־פירער, האָלצ־העקער, שטיבלער. זומער גייענ צו: שמידנ, טראַקטעריסטנ, גערטנערס, אַרבעטער באַמ היי־שניט, באַמ קאָרטשעווענ, באַ פעלד־אַרבעט אונ פישפאַנג.

לויטנ באַקומענעמ געהאַלט טיילנ זיכ אַלע קאָמונאַרנ אַפ 3 קאַטעגאָריעס:

ערשטע קאַטעגאָריע באַקומט 25 רובל ריינע געלט כוידעשלעכ (צוזאַמענ מיט די 30 רובל, וואָס ווערט אַראָפּגערעכנט פאַר אויסהאַלטנ—55 רובל). עס ווערט אָבער דורכגעפירט שטיק־אַרבעט אַזוי, אַז דידאָזיקע קאַטעגאָריע האָט געקענט אויסאַרבעטנ א ריינעמ געהאַלט פונ 35 ביז 40 רובל. צו דערדאָזיקער קאַטעגאָריע ווערט צוגערעכנט מעלקנ, וואַשנ, צוקלײַבנ—ס׳ראָוו לײַכטע פרויענ־אַרבעט.

די צווייטע קאַטעגאָריע האָט ריינע 35 רובל (אויסער אויסהאַלטנ). פאַקטיש פלעגט זי אָבער אויסאַרבעטנ פונ 60 ביז 70 רובל א כוידעש. אַהער גייט אַרײַנ שווערערע פיזישע אַרבעט, ווי אויכ באַשעפטיקונג אינ קיכ.

צו דער דריטער קאטעגאָריע געהערנ קוואליפיצירטע ארבעטער־קאָמונארנ, ווי: טראקטעריסט, שמיד, סטאָלער, עלטערער קוכער, ווי אויכ דער אָנפירערישער באשטאנד — פּאָרזיצער, פארטרעטער (ביז איצט געווענ גלייכצייטיק אָנפירער פונ דער מילכ־ווירטשאפט), פארוואלטער פונ ווירטשאפט.

ביכלאל ווערט בא שטיק־ארבעט גערעכנט 20 קאָפּיקעס א שאָ. עס מאכט זיכ אָבער אָפט, אז איינ יאט פאָרט נאָכ געהילצ אָדער עפּעס אנדערש מיט אייניקע פורנ אונ באקומט דעם לוינ פאר עטלעכע פערד צוזאמענ. אנ ארבעט־טאָג רעכנט זיכ 10 שאָ. די ארבעט־צייט דויערט פונ 7 אינדערפרי ביז 12 אונ פונ 2 ביז 7 אָוונט. זומער קומט אויס צו ארבעטנ אסאכ מער. פארקערט, ווינטער איז אָפט אומעגלעכ ארויסצוגיינ אפ דער ארבעט (בא א 45־גראדיקנ פראָסט), דאָסזעלבע בייס עס גייט דורכ א גוואלדיקער געווירבל־ווינט. די מעלקערנס ארבעטנ, ווי געזאָגט פריער, פונ פיר אזייגער אינדערפרי מיט איבעררייסנ. יעדנ קאָמונאר באקומט צו 2 וואָכנ אורלויב יעדער יאָר. גאנצ אָפט ווערט דער אָדער יענער קאָמונאר געשיקט אויכ אינ קאָמאנדירונגענ.

לויט דער מיינונג פונ פאָרזיצער, כ׳ בעסעל, איז איינע פונ די וויכטיקסטע מאָמענטנ, אינ דער קאָמונע־ארבעט, די דיסציפּלינ. וואָס איז שייכ אויספילנ די ארבעט, איז קיינ צווייפל ניט, אז די קאָמונארנ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר גוטע ארבעט־וויליקע יאטנ. אלע אָוונט שטעלט צונויפ דער ווירטשאפט־פארוואלטער א צעטל פונקציעס מיט א רעשימע פונ די באשטימטע כאווערים, וואָס דארפנ ארויסגיינ צו דער ארבעט אפ מאָרגעדיקנ טאָג (נאריאד). עס איז אָבער ביז איצט געווענ א מאנגל אינ אָנפירער אפנ געביט פונ אָרגאניזאציע, אונ קאָמוניסטישער דערציונג דאָכ איז פאר דער לעצטער צייט צו באמערקנ: א וווקס פונ ארבעט־פּראָדוקטיווקייט, ראציאָנאליזאציע אונ א געוויסע געלט־עקאָנאָמיע. מע האָט, אשטייגער, איינגעשטעלט א סיסטעם פונ שטענדיקע ארבעט־פונקציעס, ד. ה. יעדער קאָמונאר ווערט ניט איבערגעוואָרפנ פונ איינ ארבעט אפ דער אנדערער, ווי עס האָט זיכ פראקטיקירט ביז איצט, נאָר האָט א שטענדיקנ געביט אונ קאָנ זיכ ספעציאליזירנ אפ אים.

## מיט נייע מעטאָדנ פונ כאָציאליסטישער ארבעט.

ארבעטנ לויט די נייע מעטאָדנ פונ שלאָגלעריי אונ סאָצגעוועט האָט מענ פאקטיש אָנגעהויבנ אינ יאָר 1931. עמעס, נאָכ אינ יאָר 1930 האָבנ די יאטנ דורכגעפירט אפנ היי־שניט א סאָצאָפּמאכ צווישנ זיכ, אָבער רעאל האָט זיכ דאָס אויסגעדריקט אינ נאָר קנאפּע רעזולטאטנ. דעם 21־טנ יאנוואר 1931 י. — אינ לענינ־טאָג — האָבנ די מעלקערנס אונ די וועשערנס ארויסגערופנ אפ א סאָצגעוועט די פי־צוזעערס אונ טראנספּאָרטלער. די פי־צוזעערס האָבנ דעם פאָרשלאג אָנגענומענ, אויסארבעטנדיק פונ זייער זייט אנ אָפּמאכ מיט די טראנספּאָרטלער (געווענ געדרוקט אינ וואנט־צייטונג). אדאנק דעם איז דערגרייכט געוואָרנ א בעסער ארומגיינ ארומ די בעהיימעס אונ א גרעסערע צאָל אויסגעמאָלקענע ליטערס מילכ. די פי־צוזעערס האָבנ אויכ ארויסגערופנ אפ א געוועט די כאזירים־צוזעערס.

שפעטער האָט זיך די קאָמונע, לויט דער איניציאַטיוו פונ קאָמיוגישנ קעמערל צעטיילט אפ 4 גרויסע בריגאדעס: פי־בריגאדע, גערטנער־בריגאדע, טראנספאָרט־בריגאדע, ווירטשאפט־בריגאדע. זומער קומט צו א טראקטער־בריגאדע, קאָרטשעוואלנע־בריגאדע, פישפאנג־בריגאדע. יעדער בריגאדיר באקומט לויט דער נייַער אָרגאניזאציע א באשטימטע אופגאבע (קאָנטראָל־ציפער) אפ 10 טעג. ער קאָנ פונ זייַנ זייַט ארויסשטעלנ אנטקעגנדיקע ציפערנ אונ דורכפירנ זיי. אפ אזא אויפנ איז די גאנצע ארבעט פונ דער קאָמונע דורכגעגאנגענ מיטנ ווילנ אונ שטרעבנ דורכצופירנ דעם פראָמפינפלאנ. אפ העלפנ אויספילנ די ווירטשאפטלעכע אופגאבנ פונ דער קאָמונע, פארזיי־קאמפאניע, שלאָגלערייַ, אנטוויקלענ די זעלבסטקריטיק האָבנ זיכ אינ „איקאָר“. געשאפנ 2 ארבקאָרנ־בריגאדעס: איינע פונ דער צייַטונג „ביראָבידזשאנער שטערנ“ אונ א צווייטע—פונ כאבאראָווסקער פויערישער צייַטונג „לענינסקי פוט“. די ארבקאָרנ־בריגאדעס האָבנ שוינ אָפגעדרוקט א ריי קאָרעספּאָנדענצנ. מע מוז אָבער אָנמערקנ, אז די נייַע פאָרמעס פונ סאָציאַליסטישער ארבעט ווערנ נאָכ ניט גענוג אָנגעווענדט אינ לעבנ. אויכ די זעלבסטקריטיק לאָזט נאָכ אסאכ צו ווינטשנ. די ארבקאָרישע ארבעט איז שוואכ.

## קולט־ארבעט—א וויכטיקער געביט.

אפ וויפל די קאָמונע איז א יוגנטלעכע אונ אסאכ קאָמונארנ זייַנענ געקומענע פונ שטעטל, געוועזענע פארוואָרלאָזטע פונ שטאָט, ניטאָרגאניזירטע כעוורע, — האָט די קולט־ארבעט א באזונדערע באדייַטונג.

כ׳ לעווינ, אנ „איקאָרישער“ אקטיוויסט, דערציילט, אז די קולטארבעט אינ דער קאָמונע האָט זיכ פאקטיש אָנגעהויבנ נאָכנ איבערקלייַבנ זיכ אפנ דזשעניאָווער פרוווּ־פעלד. די ערשטע צייַט האָט זיכ די ארבעט אויסגעדריקט בלויז אינ אָרגאניזירנ א רויטנ ווינקל, וואָס האָט עקזיסטירט בא דער קיכ. אינ פרייַע אָוונטנ פלעגנ די כעווערע דאָרט פארברענגענ בא א צייַטונג, זשורנאל, שאכמאט אונ דאמקעס. דאָ האָט אויכ געארבעט א קליינע אָרעמ ביבליאָטעקל, וואָס די קאָמונארנ האָבנ צונויפגעשטעלט פונ די ביכער, וועלכע זיי האָבנ באקומענ אפ אנ אָנדענק פארנ אָפפאָרנ קיינ ביראָבידזשאנ. אינ רויטנ ווינקל איז שטענדיק געווענ פול אונ פרייַלעכ. עס האָבנ געארבעט א פאָליט־קרייַזל, א קרייַזל אפ צו ליקווידירנ די אמעראצעס. מע האָט ארויסגעלאָזנ עטלעכע נומערנ פונ דער וואנטצייַטונג. אָוונט־צייַט פלעגנ זיכ דאָרטנ גאנצ אָפט צונויפזאמלענ די יאטנ אונ אונטער די קלאנגענ פונ הארמאָשקע אָפטאנצנ א „סערביאנקע“, „פאדגאָרנע“ אונ א „פאָלקע“. „דער הארמאָניסט אבראשקע,—דערציילט כ׳ לעווינ,—פלעגט פארקאטשענ די ארבל אונ מיט גרויס כיישעק צעציִענ די הארמאָשקע אפ דער גאנצער לענג. אינ די רעוואָליוציאָנערע יאָנטויווים פלעגנ די קאָמונארנ מאכנ אזוי גערופענע „קולט־ווילאזקעס“ (אפנ קאָמונארישנ לאָשנ) אינ שכיינעסדיקנ דאָרפ דזשעווניאָווקע. דאָרטנ פלעגט מענ מאכנ פאָרטראָגנ. א טייל יאטנ זייַנענ אָפט געווענ געסט אינ דזשעניאָווקע, פלעגנ פארברענגענ אפ וועטשערינקעס אונ כאפנ א טענצל מיט די רוסישע מיידלעכ“.

דעמ צווייטנ יאָר האָט זיכ די קולטארבעט פארשטארקט. עס איז אויסגעוויילט געוואָרנ א קאָמיסיע, וואָס האָט געפירט די ארבעט לויט א פלאנ. עס זיינענ אָרגאניזירט געוואָרנ א רייי קרייזלעכ: 2 פאָליטישע, א ליטערארישער, א זאָאָטעכנישער אונ אנד. מע האָט אויכ פראקטיקירט הייכע לייענונגענ אונ פאָליטישע איבערבליקנ מיטיק-צייט. אפנ היי-שניט האָט א מיטגליד פונ דער קולטקאָמיסיע דורכגעפירט 5 פאָליטשמועסנ אונ ליטערארישע לייענונגענ. זומער-צייט האָט דער שעפ פונ „אי-קאָר"—די כאבאראָווסקער לעניג-שול איינגעשטעלט אינ קאָמונע א ראדיאָ, נאָר זי האָט געארבעט מער ניט ווי עטלעכע וואָכנ. די רעדקאָלעגיע האָט פארנ יאָר 1930 ארויסגעלאָזנ 8 נומערנ פונ דער וואנטצייטונג „קאָמונאר" אפ יידיש אונ רוסיש. אינ דערזעלבער צייט האָט די קאָמונע באקומענ פונ כאבאראָווסקער קרייז-בילד-אָפטייל 765 רובל 25 קאָפיקעס. פונ דערדאָזיקער סומע האָט מענ 150 רובל אויסגעגעבנ אפ קויפנ ביכער. מע האָט אויכ איינגעקויפט פארנ קלוב אויסשטאטונג אונ שפיל-מאכשירימ (מאנדאָלינע, הארמאָשקע אונ ד. גל.). די קאָמונע האָט באקומענ פונ מאָסקווע א יידישע ביבליאָטעק, וואָס עס האָט צוגעשיקט די צענטראלע פארוואלטונג פונ „געזערד". איצט פארמאָגט די ביבליאָטעק 800 ביכער. עס איז ווייניק אונ מע גרייט זיכ צו קויפנ נייע.

דעמ 7-טנ נאָיאבער, צומ יאָרטאָג פונ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, האָט מענ פארענדיקט בויענ א הויז מיט א ספעציעלנ קלוב. דער נייער קלוב האָט אריינגעטראָגנ אנ אויפלעבונג אינ דער קולטמאסנ-ארבעט, עס האָבנ אָנגעהויבנ ארבעטנ רעגוליער די ביבליאָטעק, די קרייזלעכ, די פאָליטשול. די קולטקאָמיסיע האָט אָרגאניזירט באמ קלוב א רייי געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, ווי: קעמערל פונ „מאָפר", „אָסאָאוויאכימ", „געזערד", א קרייזל צו ליקווידירנ אמעראצעס. זיי אלע האָבנ די ערשטע צייט געארבעט גוט. מע פלעגט אָפט דורכפירנ אָוונטנ מיט פארשיידענע פאָרטראָגנ. גאנצ אָפט פלעגנ איינגעאָרדנט ווערנ טענצ אונטער די קלאנגענ פונ הארמאָשקע. אָבער דער קלוב האָט געארבעט אינגאנצנ 3 כאדאָשימ—ביז סאָפ יאנואר 1931 יאָר. צוליב מאנגל אינ דירעס האָט די פארוואלטונג, ווי פריער געזאָגט, צייטווייליק באשטימט דעמ קלוב אפ דירעס פאר די ארבעטער אונ די קאָמונע איז פארבליבנ אָנ א קולטור-ווינקל.

דאָס האָט טיילווייז אָפגעשוואכט די קולט-ארבעט, נאָר מע פלעגט דורכפירנ די ארבעט אינ עס-זאל. דאָכ האָט די קאָמונע דורכגעפירט א רייי אָוונטנ—„קולטור ווילאזקעס" אינ דזשעניאָווקע אונ עטלעכע אינטערנאציאָנאלע אָוונטנ צוזאמענ מיט דער אוקראינישער קאָמונע. אינ מארט כוידעש האָט די פארוואלטונג באשטימט א צימער פאר א רויטנ ווינקל אונ עס האָט זיכ ווידער פאנאנדערגעוויקלט א קולט-ארבעט. עס ארבעט די ביבליאָטעק, רעגולער ווערנ ארויסגעלאָזנ די וואנטצייטונגענ. עס זיינענ אויכ טעטיק דער פאָליטקרייזל, קרייזל אפ צו ליקווידירנ די אמעראצעס אונ די געזעלשאפטלעכע פרייוויליקע אָרגאניזאציעס. פונ צייט צו צייט קומט פאָר א קולט-אויסטויש אינ „טיכאָאָקעאנסקי אָקטיאבער". עס ווערנ אויכ דורכגעפירט בעשוטפעס פארשיידענע קאמפאניעס.

# די פרויענ שטײענ ניט אָפּ.

פונ ערשטנ טאָג אָנ האָט די קאָמונע פארמאָגט א קלײנעם פראָצענט פרויענ. די ערשטע פּיאָנערנ זײַנענ אלע געװענ יאטנ. פונ צײַט צו צײַט פלעגנ צוקומענ אײנצלנע איבערװאנדערער, אָבער דער פרויענ־טײל איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם מענלעכנ טײל געװענ א קלײנער. נאָכ אפנ װעג קײנ טיכאָנקע זײַנענ צוגעקומענ 2 מײדלעכ—אײנע אנ ארבעטערנ, די אנדערע—געענדיקט דעם פּעדאגאָגישנ טעכניקום, אָבער זײ זײַנע



א קאָרײיִשע פרוי מיט די קינדער

אָפּגעװענ אײַנגאנצנ א כאדאָשים 4. אײנע האָט מענ ארויסגערוקט פאר א סעקרע־טארקע פונ בירעפעלדער דאָרפראט און די אנדערע איז געפאָרנ פאר א לערערקע אינ א רוסישער דאָרפישער שול (קײנ ייִדישע שולנ זײַנענ נאָכ דעמלט ניט געװענ). שפּעטער האָט די קאָמונע גענומענ 2 רוסישע מײדלעכ, אײַנװוינערקעס פונ דאָרפ בירושקא, אפ פארשײדענע ארבעט, װי מעלקנ בעהײמעס, שנײַדנ הײ. זײ זײַנענ אָבער געװענ נאָר צײַטװײַליק. נאָכנ ענדיקנ די ארבעט זײַנענ זײ אװעק, און די קאָמונע

4. קאָמונע „איקאָר".

איז געבליבנ אָנ פרויענ-הענט, שוינ ניט ריידנדיק וועגנ קאָמונארקעס. די יאַטנ פלעג אויספילנ אַלע ארבעטנ: מעלקנ, וואשנ גרעט, רייניקנ דילנ אונ דאָס גל׳. באם איבער-פאָרנ אפ דזשעניאָווקע איז שוינ געווענ איינ מיידל. שפּעטער זײַנענ צוגעקומענ געדונגענע רוסישע מיידלעכ פונ די ארומיקע דערפער (איינע פונ זיי איז דערנאָכ געוואָרנ א קאָמונארקע (אוג כאסענע געהאט מיט א קאָמונאר). דעמלט האָבנ אָנגע-הויבנ אָנצוקומענ אנדערע קאָמונארקעס אזוי, אז צום סאָפ 1929 י. זײַנענ שוינ גע-ווענ 6 יאַטיכעס. אינ אפּרעל 1931 י. זײַנענ געווענ אינ „איקאָר" 14 קאָמונארקעס (צוזאמענ מיט די פרויענ פונ די בוי-ארבעטער—25).

די פרויענ פארנעמענ ניט קיינ קליינעמ אָרט אינ דער ווירטשאפט אונ אויכ אינ געזעלשאפטלעכנ לעבנ. קימאט קיינ איינע פונ זיי האָט ניט באקומענ קיינ אויס-רייד, קיינ שטראָפ אונ ד. גל׳. פאראנ צווישנ זיי שלאָגלערנס, אקטיוויסטקעס. אנ-דערע פונ זיי האָבנ באקומענ פרעמיעס פאר גוטער ארבעט. געווענ א פעריאָד, ווענ די יאַטנ פלעגנ זיכ אָפּט „קריגנ" מיט די מיידלעכ. געוווינט צו שווערער פיזישער ארבעט, פלעגנ זיי באשולדיקנ די מיידלעכ אינ שוואכער אינטענסיווקײַט. פארקערט די מיידלעכ פלעגנ טײַנענ, אז די ייִנגלעכ האָבנ צו זיי א „שלעכטע באציִונג". שפּע-טער איז דער „קאָנפליקט" ליקווידירט געוואָרנ אונ די שטימונג האָט זיכ געהויבנ.

די פרויענ האָבנ זיכ אינ דער קאָמונע ספּעציאַליזירט אפ געוויסע ארבעטנ: מעלקנ בעהיימעס, צוקלײַבנ, קאָכנ אונ דערלאנגענ עסנ, וואשנ גרעט. זיי ווערנ אויכ אויסגענוצט אינ גערטנערײַ אונ אפ ארבעט אינ אײַז-קעלער. אָפּטמאָל טוענ זיי „מאנצבילשע" ארבעט. עס קומט אויס פאנאנדערקלאפּנ אויוונס, שפּאנענ א וואָגנ אונ דאָס גל׳. פונ די 14 קאָמונארקעס זײַנענ 6 מיטגלידער פונ קאָמיוג. עס האָט זיכ געשאפנ א פרויענ-קרײַזל דעלעגאטקעס, וואָס פאָרנ אפ פארזאמלונגענ אינ די ארומיקע דערפער. די פרויענ נעמענ אָנטייל אינ פארוואלטונג, אינ קאָאָפּעראציע, אינ דער קולטקאָמיסיע, אינ „אָסאָוויִאכימ", „מאָפּר", „רויטנ קרייצ" אונ אנד. סעקרעטאר פונ דעמ קאָמיוגישנ קעמערל איז א קאָמונארקע, וואָס איז גלײַכצײַטיק א מיטגליד פונ ווײַט-מיזרעכדיקנ קאנט-קאָמיטעט פונ קאָמיוג. פאר די לעצטע אָנדערהאלבנ יאָר האָבנ פונ די 14 קאָמונארקעס 5 כאסענע געהאט מיט קאָמונארנ. זומער 1931 י. האָט זיכ געעפנט א יאסלע פאר קינדער. מע האָט געשיקט א כאווערטע אפ יאסלע-קורסנ קיינ כאבאראָווסק. אויכ די קולט-טוערנ אונ אגראָנאָמ-גערטנערנ זײַנענ מיטגלידער פונ דער קאָמונע. לויט דער בילדונג האָבנ 3 העכערע, 6—מיטעלע בילדונג.

## אונטער דער אָנפירונג פונ קאָמיוגישנ קעמערל.

נאָכ אינ וואגאָנ אפנ וועג אינ טיכאָנקע האָט זיכ אָרגאניזירט א קאָמיוגיש קע-מערל, אינ וועלכנ עס זײַנענ ארײַנ די איקאָרצעס-קאָמיוגיסטנ פונ קוראסאָווטשינע. געקומענ אפנ אָרט, האָבנ זיי אָנטיילגענומענ אינ דער ארבעט פונ דאָרפישנ קאָמ-יוגישנ קעמערל אינ טיכאָנקע. אפנ סטעפּנוי-באצירק האָבנ די קאָמונארנ שוינ גע-שאפנ אנ אייגנ קעמערל, אינ וועלכנ עס זײַנענ ארײַנ אויכ אייניקע אנדערע איבער-וואנדערער (קימאט אַלע קאָמונארנ—14 מאנ—זײַנענ געווענ קאָמיוגיסטנ). דעמלט האָט מענ אויסגעקליבנ א ביוראָ פונ 3 כאווײרימ אונ איינ קאנדידאט.

נאָכנ איבערקלײַבנ זיכ קײנ דעשזניאָווקע איז שוינ געווענ א קעמערל פונ אײנע איקאָרצעס אינ באשטאנד פונ 10 כאווײרימ. דאָס קעמערל האָט זיכ דעריקער פארנומענ מיט ווירטשאפטלעכער ארבעט אונ אָנגעפירט מיטנ אָרגאניזירנ די פארשײדענע ארבעט־געביטנ. עס האָט זיכ פארבונדנ מיטנ קאָמיוגישנ קעמערל אינ דזשעניאָווקע, ווי אויכ מיטנ „טיכאָאָקעאנסקי אָקטיאבער".

ביזנ 18־טנ מײַ 1930 י. זײַנענ אינ דער קאָמונע געווענ 15 קאָמיוגיסטנ אונ אײנ פארטײ־קאנדידאט. אינ סענטיאבער 1930 י. זײַנענ פאָרגעקומענ איבערוואלנ פונ בירואָ, אָבער צו דער צײַט איז די צאָל קאָמיוגיסטנ געפאלנ ביז 5 מאנ, צווישנ זײ אײנ מײדל, די סיבע דערפונ איז געווענ דאָס אָפּפאָרנ זיכ לערנענ. נאָכ די איבערוואלנ איז דורכגעפירט געוואָרנ א גרויסע אויפקלערונג־ארבעט צווישנ די אומפארטײישע, אונ אדאנק דעמ, זײַנענ צוגעקומענ ביז 18 קאָמיוגיסטנ (6 מײדלעכ 12 יאטנ). אפ אזא אויפנ באשטײט דאָס קעמערל פונ 23 כאווײרימ—אלע גוטע, האָרעפּאשנע כעוורע (16 יאטנ אונ 7 מײדלעכ). פאר דער צײַט זײַנענ צוגעקומענ עטלעכע קאָמיוגיסטנ פונ די נײַע איבערוואנדערער, אָבער נעמענדיק אינ אכט, אז אײניקע זײַנענ אָפּגעפאלנ צוליב אָפּפאָרנ אפ פארשײדענע ארבעטנ, — איז די צאָל קאָמיוגיסטנ בא הײַנטיקנ טאָג געבליבנ דיזעלבע — 23. פונ די פריערדיקע קאָמיוגיסטנ, ס'ראָוו אלטע פיאָנערנ, זײַנענ קימאט אלע (אויסער אײנעמ) זיכ אוועק לערנענ אינ פארשײדענע שולנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ. ערשט איצט הײבנ זיכ אָנ צוריקערנ א טײל פונ די, וואָס האָבנ שוינ געענדיקט זײער קורס אינ די שולנ. אײנ קאָמיוגיסט איז, פארנ אָפּפאָרנ, געווענ א מיטגליד פונ ביראָבידזשאנער רײַאָנ־אויספירקאָמ דער סעקרעטאר פונ קעמערל, א כ־טע, איז א מיטגליד פונ קאנטקאָמ פונ קאָמיוג. דאָס קעמערל האָט געשיקט דעלעגאטנ אפ דער ערשטער ביראָבידזשאנער רײַאָנ־קאָנפערענצ פונ קאָמיוג. אויכ צווישנ די דעלעגאטנ אפ דער קאָמיוגישער קאנט־קאָנפערענצ זײַנענ געווענ פאָרשטײער פונ „איקאָר".

דער קאָמיוג האָט פאראיאָרנ אונ אויכ הײַאָר אָנגעפירט מיט דער פארזײַ־קאמפאניע, געהאָלפנ דעמ שניט, אָנטײלגענומענ אינ פארשײדענע ווירטשאפטלעכע קאמפאניעס. די לעצטע 2 יאָר זײַנענ פאָרגעקומענ קאָמיוגישע ארויספאָרנ אינ די ארומיקע דערפער. קאָמיוגיסטנ „איקאָרצעס" זײַנענ ארויסגעטראָטנ מיט פאָרטראגנ אינ פארשײדענע געדענק־טעג: לענינ־טאָג, 8־טער מארט, אָקטיאבער־רעוואָליוציע אונ אז. וו.

די איצטיקע גרויסע ענדערונגענ אינ דער קאָמונע ווערנ דורכגעפירט דורכנ קעמערל. דאָס קעמערל האָט אפ א זיצונג באהאנדלט די פראגע וועגנ בויונג, דורכגעפירט א זונטיקניק לעטויוועס דעמ מאָטאָר־שיפל „מאָניטאָר לענינא" אונ אונטערוואסער־שיפל פונ דער אמורער טײַכ־פלאָטיליע. אינ זונטיקניק האָבנ אויכ אָנטײלגענומענ א טײל אומפארטײישע אונ עס איז אויפגעקליבנ געוואָרנ א סומע פונ 102 רובל 54 קאָפּיקעס. אויסער דעמ האָט דאָס קעמערל אָרגאניזירט פארנ ביראָבידזשאנער קולטור־הויז א זונטיקניק, אינ וועלכנ ס'האָבנ אָנטײלגענומענ 28 מאנ, צוויש זײ אלע קאָמיוגיסטנ. אפ צוגרײטנ די פארזײ־קאמפאניע אינ יאָר 1931,—דערקלערט דער סעקרעטאר כ־טע באלאק,—האָט דאָס קעמערל אויסגעטײלט א דרײַלינג. באַמ קאָמיוג־קעמערל זײַנענ פאראנ אנ אגיט־טוער, א קולט־מאסאָווער טוער, אויסער דעמ—

א קולט־קאָמיסיע. אינ אפּרעל 1931 האָט זיכ דאָס קאָמיוגישע קעמערל צעטיילט אפ
3 סעקציעס (אינ וועלכע עס ווערנ אויכ אַרײַנגעצויגנ אומפּאַרטײַישע): ווירטשאַפט־
לעכע, שטייגערישע, קולט־מאַסעווע.

באַם קאָמיוגישנ קעמערל עקזיסטירנ 3 קרײַזנ אפ צו ליקווידירנ די אַמעראַצעס (2 פונ
קאָמונאַרנ, 1—פונ בויער), 2 פּאָליט־קרײַזלעכ—אַנ עלטערער אונ ייִנגערער—ווי אויכ
פאָלגנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס: „מאָפּר", „אָסאָ", „געזערד", „רויטער קרייצ".

ביכלאַל דאַרפ מענ זאָגנ, אַז דאָס קאָמיוגישע קעמערל האָט דערוואָרבנ א גרויסנ
אויטאָריטעט באַ די קאָמונאַרנ. עס האָט אַרײַנגעצויגנ אינ זיכ דעם בעסערנ טייל פונ
דער קאָמונע. ניט אומזיסט גרופּירט זיכ אַרומ אימ א גרויסער אַקטיוו פונ אומפּאַר־
טײַישע כאַווײרים. אָפט באַראַט זיכ דאָס קעמערל מיטנ פּאַרטיי־קעמערל פונ „טיכאָ־
אָקעאַנסקי אָקטיאַבער". ווײַל אינ קאָ[illegible]ע גופע זײַנענ פּאַרטיי־כאַווײרימ פּאַראַנ בלויז
אײנצלנע.

## זאָל לעבנ די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַרישקײַט!

די קאָמונע „איקאָר" האַלט א לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער וועלט—
ניט בלויז פונ דער טײַגע, נאָר ווײַט, ווײַט־אַזש ביז אַמעריקע. די ערשטע פאַר־
בינדונג מיט די אַרומיקע פויערשע דערפער האָט זיכ אָנגעהויבנ ערשט נאָכנ איבער־
קלײַבנ זיכ אפנ דעזשניאָווער פּרווו־פעלד, ווײַל אַרומ „סטעפּנאָי" זײַנענ קיינ דערפער
ניט געווענ. הוילער סטעפּ אונ טײַגע! די ערשטע פאַרבינדונג מיט די דערפער דע־
זשניאָווקע (7 קילאָמעטער פונ „איקאָר") אונ וואָלאָטשײַעווקע (9 קילאָמעטער) האָט זיכ
אויסגעדריקט אינ פּראַקטישער הילפ באַמ דורכפירנ די פּאַרזיי־קאַמפּאַניע. אינ פרילינג
1929 האָט די קאָמונע געהאָלפנ דער אָרעמשאַפט פונ דעזשניאָווקע מיט לאַנדווירט־
שאַפטלעכע מאַשינעס אפ דורכפירנ דעם פּאַרזיי. 2 פערד פונ „איקאָר" האָבנ
געהאָלפנ פאַרזייענ דעמ פעלד באַ אַנ אָרעמער פויערניע—אַנ אַלמאָנע. די קאָמונע
האָט אויכ געליִענ די דעזשניאָווקער פויערימ א דיסקבראָנע, א זיי־מאַשינ, אַקערס
אונ אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַכשירימ אונ די וואָלאָטשײַעווקער פויערימ צו
דער פּאַרזיי־קאַמפּאַניע (אפ עטלעכע טעג)—דעמ טריִער אפ דורכרייניקנ די זריִע. אינ
דערזעלבער צײַט האָט דער ביק פונ דער קאָמונע זיכ געפּאָרט מיט די דעזשניאָוו־
קער בעהיימעס. די לאַנדווירטשאַפטלעכע הילפ מיצאַד דער קאָמונע די אַרומיקע דער־
פער האָט זיכ ניט אָפּגעשטעלט אויכ ווײַטער. בעשאַס דער פּאַרזיי־קאַמפּאַניע אינ
1930 יאָר האָט דער טראַקטער פונ „איקאָר" 3 טעג געאַקערט דעמ פעלד פונ
דעמלטיקנ שויב דעזשניאָווקער קאָלווירט (דאָרטנ איז קיינ טראַקטער ניטאָ); די דרעש־
מאַשינ האָט געדראָשנ די גערעטעניש. וואָלאָטשײַעווקער קאָלווירט האָט געליִענ
אויכ א זיי־מאַשינ אונ אַנדערע זאַכנ פונ לאַנדווירטשאַפטלעכנ אינווענטאַר. פאַרקערט,
די דערמאָנטע דערפער (קאָלווירטנ) האָבנ צוליב זייער אָרעמקײַט גאָרנישט געקאָנט
העלפנ אָדער לײַענ דער קאָמונע.

די פאַרבינדונג פונ „איקאָר" דריקט זיכ אויכ אויס אינ קולטורעלער באַדינונג.
בייס די רעוואָליוציאָנערע יאָנטויווימ אונ באַ פאַרשיידענע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס
ווערנ אײַנגעאָרדנט קולטור־אַרויספאָרנ אינ די דערפער, ווו איקאָרצעס מאַכנ פאָר־

טראגנ אונ טײלנ זיכ מיט די פויערימ מיט זײער דערפארונג. פארנ זומער האָט די קאָמונע אײַנגעאָרדנט 6-5 קולטור-„װילאזקעס“ אינ געגנט. אינ דעזשניאָװקע האָט דער דראמקרײַז פונ „איקאָר“ געװיזנ 8 פאָרשטעלונגענ אינ משעכ פונ 1930 יאָר. צוזאמענ מיט „טיכאָקעאנסקי אָקטיאבער“ זײַנענ דורכגעפירט געװאָרנ עטלעכע אינטערנאציאָנאלע אָװנטנ.

מע דארפ אונטערשטרײַכנ די גרויסע הילפ סײַ מאטעריעלע, סײַ כאװערישע, װאָס די קאָמונע האָט באקומענ מיצאד די שכײנעסדיקע סאָװירטנ. דידאָזיקע סאָװירטנ באמיענ זיכ מיט אלע מיטלענ שטיצנ די יונגע כאװײרימ.

אינ יאָר 1930 האָט זיכ אינ צוזאמענהאנג מיט די שװערע ארבעט-באדינגונגענ אונ מיטנ אָפפאלנ פונ די אלטע קאָמונארנ (זײ זײַנענ געפאָרנ זיכ לערנענ) באמערקט א געװיסע געפאלנקײַט. זײַנענ דעמלט געקומענ די כאװײרימ פונ פאָקראָװקער מילכ- אונ גערטנערײַ-סאָװירט אונ געהאָלפנ זײ מיט ראט אונ טאט, געמוטיקט אונ גערופנ צו אויסגעהאלטנקײַט. איצט דערמאָנענ די קאָמונארנ מיט דאנק דעמ כ' בערעזיניצקי (דירעקטער פונ סאָװירט), װאָס האלט נאָכ איצט אנ ענגע פארבינדונג מיט דער קאָמונע. דערדאָזיקער סאָװירט פלעגט ארויסגעבנ טשװעקעס, ראמענ, טירנ, גלאָז, אײַזנ, בלעכ, אינװענטאר צו גערטנערײַ, שטיװל אונ פראָדוקטנ, אפילע לײַענ מוזיקאלישע אינסטרומענטנ אפ א יאָנטעװ. די לעצטע צײַט האָט דער סאָװירט צוגעזאָגט ארויס-געבנ עטלעכע פערד פונ דעמ טראנספאָרט, װאָס ער דארפ אינגיכנ באקומענ.

הילפ דער קאָמונע װײַזט ארויס דער יונגער סאָװירט „סאָװינאָװאָד“ אפ דער סטאנציע װאָלאָטשײַעװקע. דאָרטיקע כאװײרימ קומענ אָפט אינ דער קאָמונע אונ פארקערט. מע בײַט זיכ מיט דערפארונג, מע לערנט באמ סאָװירט, װי ארומצוגײנ ארומ כאזײרימ. „סאָװינאָװאָד“ האָט צוגעזאָגט אײַנאָרדענענ א ספעציעלנ זונטיקניק לעטויװעס דער קאָמונע. צומ 3-יאָריקנ יובילײ האָט ער צוגעטראָגנ א רויטע פאָנ.

אויסער דעמ האלט די קאָמונע א פארבינדונג מיט פארשײדענע אָרגאניזאציעס, שעפנ אונ אונטערשעפנ. די שעפנ פונ דער קאָמונע „איקאָר“ זײַנענ דער אָרטקאָמ פונ װײַטמיזרעכדיקנ קאנט-אויספירקאָמ, די כאבאראָװסקער לענינ-שול, דער װײַט-מיזרעכדיקער פיזקולטור-טעכניקומ, װײַטמיזרעכדיקע געזונט-אָפטײלונג אונ אנד. אונטערשעפנ: א רויטארמײשע אװטאָ-ראָטע, רויטע אמורער טײַכ-פלאָטיליע. די פארבינדונג מיט די שעפנ האָט זיכ אויסגעדריקט אינ א שריפטלעכער קאָרעספאָנדענצ דורכ בריװ אונ אינ פראקטישער הילפ, װאָס די קאָמונע באקומט בא זײ, װי װירט-שאפטלעכע, אזוי קולטורעלע.

אינ פרילינג 1930 האָט די כאבאראָװסקער לענינ-שול געשיקט אינ קאָמונע א בריגאדע פונ 23 מענטשנ אפ העלפנ דורכפירנ די פארזײ-קאמפאניע, װאָס האָט זיכ שטארק געניטיקט אינ ארבעט-הענט. דער אָרטקאָמ פונ קאנט-אויספירקאָמ האָט געשענקט א ראדיאָ-אופנעמער מימ א הויכ-רײדער אונ א רויטארמײער פונ דער אונטערשעפ-ראָטע האָט די ראדיאָ אײַנגעשטעלט. אפ די רעװאָליוציאָנערע יאָנטויװימ בײַטנ זיכ די קאָמונע אונ די שעפנ מיט דעלעגאציעס. אפנ יאָריקנ יובילײ פונ דער װײַטמיזרעכדיקער רויטפאָניקער רויטער ארמײ, אפנ ערשטנ מײַ, אָקטיאבער-יאָנטעװ האָבנ די קאָמונארנ געשיקט דעלעגאציעס צו די רויטארמײער, אונ די רויטארמײער— דעלעגאציעס מיט פאָרטרעגער אינ דער קאָמונע. אפ דער פײַערונג פונ 13-טנ יאָר-

טאָג פונ אָקטיאבער־רעוואָליוציע זײַנען געקומענ אינ „איקאָר״ אסאכ געסט: פאָר־שטייער פונ דער אונטערשעפיקער אווטאָ־ראָטע, פונ קאנט־אויספירקאָם, א דאָקטור־רים־בריגאדע (פונ קאנטישנ געזונט־אָפטייל), וואָס האָט דורכגעפירט א מעדיצינישנ אונטערזוכ פונ די קאָמונארנ. אינ יאָרטאָג פונ דער ווײַטמיזרעכדיקער רויטפאָניקער ארמיי האָט די קאָמונע אונטערגעטראָגנ דער אונטערשעפ־ראָטע מאטאָנעס. אויסער דעם ווערט געהאלטנ א פארבינדונג מיט די מאטראָסנ פונ נ־ער מאָניטאָר פונ אמורער פלאָטיליע, מיט וועלכער מע שרײַבט זיכ דורכ און מע טיילט זיכ מיט דער ארבעט־דערפארונג.

אינ בריוו פונ 9־טנ אפרעל 1931 י. (אינ צוזאמענהאנג מיטנ 3־יאָריקנ יובילײ פונ „איקאָר״) שרײַבנ די מאטראָסנ פונ דערדאָזיקער פלאָטיליע:

„מיר באגריסנ אײַכ מיטנ יובילײ. מיר זײַנענ פעסט איבערצײַגט, אז איר וועט אויספילנ דעם 3־טנ אנטשיידנדיקנ יאָר פונ פינפיאָר־פלאנ. אינ אײַער ארבעט זײַנענ אָנ סאָפעק פאראנ גרויסע דערגרייכונגענ. ליידער, קאָנענ מיר ניט נעמענ קיינ לעבעדיקנ אָנטייל אינ אײַער יאָנטעוו. מיר זײַנענ פארנומענ מיטנ פארענדיקנ דעם רעמאָנט פונ די שיפנ און מיר זײַנענ געצוווּנגענ זיכ באנוגענענ מיט א בריוו. אײַער יאָר־טאָג פאלט צונויפ פונקט מיט דער צײַט, ווענ מיר פארענדיקנ דעם קאפיטאלנ רעמאָנט פונ אונדזער שיפ. און איר דארפט, פונקט ווי מיר, א רוק טאָנ פאָרויס אײַערע דעראָבערונגענ, וואָס זײַנענ ניט לײַכט אָנגעקומענ. אײַער יובילײ דארפ נאָכ מער פארשטארקנ אײַער ענטוזיאזמ, אײַער ענערגיע אפ צו באקעמפנ אלע שוועריקײַטנ, וואָס באגעגענענ זיכ אפנ וועג פונ פאנאנדערוויקלענ די סאָציאליסטישע בויונג אינ דער לאנדווירטשאפט. אײַער קאָמונע איז דער קומענדיקער גיגאנט פונ ווײַטנ מיזרעכ, און איר, קאָמונארנ, זײַט די עמבריאָנענ פונ דער גרויסער סאָציאַ־ליסטישער זאכ״...

פונ בריוו דרינגט א מוט־רופ פונ די רויטע מאטראָסנ צו די קעמפנדיקע קאָמו־נארנ, א סימפאטיע־אויסדרוק אפנ באָדנ פונ אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער סאָלידארישקײַט.

ווײַטער דערציילנ די פלאָטילצעס וועגנ זייער אייגענעמ לעבנ:

„... די ווינטער־לימודימ האָבנ זיכ געענדיקט. מיר הייבנ אָנ איבערבויענ אונדזער ארבעט און לערע אפנ זומער־פעריאָד. די אופגאבנ, וואָס די קאָמאנדע האָט אונדז געשטעלט, וועלנ מיר מיט קאָוועד אויספילנ. אונדזער מאָניטאָר האָבנ מיר געענדיקט רעמאָנטירנ 15 טעג פארנ טערמינ. בא אזעלכע טעמפנ טאָר מענ ניט פארבײַגיינ דעם סאָצגעוועט און שלאָגלערײַ, וואָס אפ זייער יעסאָד האָבנ מיר איבערגעיאָגט אונדזערע פארפליכטונגענ... אפנ אטענטאט פונ סאטאָ אפנ כ׳ אניקייעוו אינ יאפאנ [1]), אפ די פראָוואקאציעס וועגנ „צוואנג ארבעט״ און אזוי ווײַטער—וועלנ מיר ענטפערנ מיט פארבעסערנ די מיליטע־רישע צוגרייטונג און דערלערנענ די מיליטערישע טעכניק, קעדיי באם ערשטנ

---

[1]) אינ יענער צײַט האָבנ די יאפאָנישע אימפעריאליסטנ געמאכט אנ אטענטאט אפנ סאָוועטישנ פארשטייער אניקייעוו.

רופ פונ אונדזער פארטיי אונ מאכט ארויסטרעטנ פארטיידיקנ די פרידלעכע ארבעט פונ פראָלעטארישנ פאָטערלאנד... שרײַבט, צי זײַט איר גרייט צו דער פארזיי־קאמפאניע, וואָס פאר א דערגרייכונגענ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ דער לעצטער צײַט אינ אײַער ווירטשאפט, ווי איז די לאגע מיט די פאָליטישע לימודים, מיט מיליטערישער צוגרייטונג, ווי וואקסט אײַער קאָמונע—אלצ גענוי אונ וואָס שנעלער..."

מיר האָבנ אלצ אויסגערעכנט די פארבינדונגענ אינ די גרענעצנ פונ ווײַטנ מיזרעכ. מע דארפ אָבער געדענקענ, אז די קאָמונע געפינט זיכ אינ א שטענדיקער פארבינדונג מיט איר געוועזענעם היימלאנד ווײַסרוסלאנד, מיט אוקראַינע אונ אויכ מיט אמעריקע, טראָגנדיק דעם נאָמענ פונ דער דאָרטיקער יִדישער ארבעטער־אָרגאַניזאציע „איקאָר". די קאָמונע באקומט בריוו פונ שולנ אונ פּיאָנער־אָטריאדנ פונ ווײַסרוסלאנד. אינ מארט 1931 י. איז דערהאלטנ געוואָרנ, צום בײַשפּיל, פאָלגנדיקער בריוו פונ מינסק (געשריבנ אפ דער ווײַסרוסישער שפראכ):

„טײַערע כאווײרים איקאָרצעס!

מיר, שילער פונ 32־טער פאבריק־זאוואָדישער 7־יאָריקער שול פונ שטאָט מינסק, האָבנ אָרגאַניזירט צוזאמענ מיט דער 17־טער שול א קעמערל „געזערד", וואָס באשטייט פונ 671 מיטגלידער. מיר פארשטייענ דעם נוצנ פונ דערדאָזיקער אָרגאַניזאציע, וואָס העלפט די ארבעטנדיקע פונ דער יידישער נאַציאָנאליטעט, וועלכע האָבנ באוויזנ, אז זיי זײַנענ פייִק צו ארבעטנ פונקט ווי אנדערע נאַציאָנאליטעטנ. מיר ווילנ אײַנשטעלנ מיט אײַכ א פארבינדונג, קעדיי מיר זאָלנ זײַנ באקאנט מיט די באדינגונגענ פונ אײַער לעבנ אונ ארבעט. אויסער דעם ווילנ מיר זיכ דערוויסנ, ווי אונ אפ וואָס פאר אנ אויפנ מיר קאָנענ אײַכ העלפנ. אונדזער הארצלעכער ברודערלעכער גרוס.

ד י 32־טע פ א ב ר י ק ־ ז א ו ו אָ ד י ש ע ש ו ל".

דערופ האָבנ די קאָמונארנ אויכ געענטפערט מיט א בריוו, אינ וועלכנ זיי האָבנ באקאנט געמאכט וועגנ צושטאנד פונ זייער ווירטשאפט, לעבנ אונ ארבעט.

אויסער דעם ווערט אונטערגעהאלטנ א שטענדיקע פארבינדונג מיט נײַ־פאָלטאווער לאנדווירטשאפטלעכנ אינסטיטוט, מיט דער קרעמענטשוגער פראָפשול אונ אנד. די קאָמונארנ, וואָס לערנענ זיכ אינ פארשיידענע שולנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ, אינ סיביר אונ אנדערע ערטער פונ פארבאנד, אינטערעסירנ זיכ מיט יעדער נײַס, וואָס קומט פאָר אינ דער קאָמונע. געגנוג איבערצולייענענ די בריוו פונ די קאָמונארנ, וואָס זײַנענ אוועקגעפאָרנ אינ די פארשיידענע שולנ, ווו זיי זײַנענ מיט טויזנטער פעדעמ פארבונדנ מיט דער קאָמונע, ווי זיי פרעגנ זיכ אָנ וועגנ יעדער קלייניקײַט, יעדע ענדערונג, וואָס קומט פאָר אינ „איקאָר".

אינ צוזאמענהאנג מיטנ 3־יאָריקנ יובילײ פונ זייער באליבטנ „איקאָר" האָבנ זיי געשיקט ספּעציעלע בריוו אונ באגריסונגענ. אָט, אשטייגער, שרײַבט כ' שאפּיראָ (געוועזענער פאָרזיצער, איצט סטודענט פונ בירָאָבידזשאנער יִדישנ טעכניקום פאר סאָציאליסטישער לאנדווירטשאפט):

„... טײַערע כאווײרים! אויסנוצנדיק די פרײַע צײַט פונ לימודים, האָב איכ

באשלאָסנ אָנשרײַבנ אײַכ עטלעכע ווערטער. אָט בינ איכ געקומענ אינ טעכ־ניקומ... דעמ טאָג, ווענ איכ בינ צוגעגאנגענ צומ ברעט אָנשרײַבנ א דיקטאנט, וועל איכ קײנמאָל ניט פארגעסנ. שווער געווענ צו באנעמענ עס. כ'בינ 2 טעג אומגעגאנגענ ווי א מעשוגענער. מיר האָט זיכ אלצ געדאכט, אז איכ בינ גע־קומענ ניט לערנענ זיכ, נאָר קויפנ בעהײמעס פאר דער קאָמונע. סאָפקאָלסאָפ האָב איכ זיכ צוגעוווינט, גענומענ זיכ צו דער ארבעט און איצט פארשטײ איכ שוינ עפעס... איכ ווײס, אז אויב איכ האָב באשלאָסנ לערנענ זיכ, מוז איכ זײַנ גרײט אפ אלצ. איכ בעט אײַכ, נאָכנ דערהאלטנ דעמ בריוו, טײקעפ אָפ־שרײַבנ, וואָס הערט זיכ אינ דער קאָמונע. אָ, ווענ איר וואָלט געפילט, ווי איכ אינטערעסיר זיכ מיט דער קאָמונע!"

א צווײטער קאָמונאר (ראָגינסקי) שרײַבט:

„כ'וועל אָנהײבנ פונ דעמ, וואָס די גאנצע צײַט פונ מײַנ געפינענ זיכ אינ טעכניקומ בינ איכ אינ א געהױבענער שטימונג, וואָס איז בא מיר ניט אלעמאָל געווענ אינ טיכאָנקע אָדער קאָמונע. צי געדענקט איר, אז דאָס אײַנ־ציקע, וואָס האָט מיר אָפגעהאלטנ פונ פאָרנ לערנענ זיכ ערגעצ, איז געווענ די מוירע, אז כ'וועל ניט פארמאָגנ די נײטיקע זיצפײקײט און כ'וועל סאָפ־קאָלסאָפ מוזנ אנטלויפנ. נאָר ווי עס זעט אויס, האָב איכ א גרויסנ טאָעס געהאט... דער טעכניקומ איז א נײַער און געפינט זיכ אינ בירָאָבידזשאנער באדינגונגענ, נאָר דאָכ מוז איכ אײַכ זאָגנ, אז איכ האָב אסאכ באוויזנ. 5 שאָ לערנענ מיר זיכ אינ טעכניקומ און 3 שאָ אינ די מעכאנישע ווארשטאטנ, ווו די לימודימ גײענ דורכ זײער לעבעדיק. מיר באקומענ א סטיפענדיע 45 רובל א כוידעש. פונ דער סומע גײט אראָפּ 30 רובל אפ עסנ. מע שפּײַזט אונדז 3 מאָל א טאָג..."

און אויכ פונ אירקוטסק, אינ דאָרטיקנ לאנדווירטשאפטלעכנ טעכניקומ קלאפּט דאָס הארצ פונ די קאָמונארנ, וואָס שמידנ דאָרטנ אויס זײער קענטעניש און דער־פארונג פאר דער גרויסער זאכ, וואָס די קאָמונארנ האָבנ אָנגעהויבנ.

כ' קוסטאנאָוויטש, אײנער פונ די ערשטע פּיאָנערנ, באגריסט די קאָמונע אפנ פאָלגנדיקנ אויפנ:

„... 3 יאָר אָנגעשטרענגטע ארבעט האָבנ צעקלאפּט אלע סקעפּטיקער, וועלכע האָבנ געהאלטנ, אז די קאָמונע וועט זיכ אײַנגאנצנ צעפאלנ. דער וועג, וועלכנ די קאָמונע איז דורכגעגאנגענ, איז פארבונדנ מיט דער געשיכטע פונ בירָאָבידזשאנ. אלע געדענקענ מיר דעמ יאָר 1928—די סיבירער פעסט, דעזינ־טעריע, פארפלײצונג. מיר געדענקענ אויכ די ערשטע כאדאָשימ פונ אונדזער געפינענ זיכ אפנ דזשעניאָווער פּרוווּ־פעלד. מיר געדענקענ אונדזערע „שפּא־צירנ" צומ באלעגופ באלאגאנסקי, קעדײ צו ארויסצובאקומענ ברויט און קאָר־טאָפל, און ער האָט פונ אונדז געריסנ א דרײַפאכיקנ פרײַז. מיר געדענקענ דאָס קאָרטשעווענ אָנ א שטיקל ברויט, דעמ פארפלײצטנ הײ־שניט אפנ ברעג

טונגוסקע. מיר געדענקענ אָבער אויכ די ערשטע פריידיקע טעג. די ארבעט פונ דער קאָמונע האָט געצווּנגענ ארומזענ זיכ די צוריקלויפנדיקע סקעפּטי־קער. זי וועט איג דער צוקונפט זײַנ א מוסטער דערפונ, ווי מע דארפ פעסט אויסטראָגנ אלע שוועריקײַטנ. גוואלדיק גרויס זײַנענ די אופגאבנ פונ דער קאָמונע, וואָס פאלנ צונויפ מיטנ דריטנ אנטשיידנדיקנ יאָר פונ פינפיאָר־פּלאנ. דאָס לאנד גייט מיט גיגאנטישע טריט פאָרויס. די פארטיי אונ סאָוועטנמאכט פארניכטנ דעמ באלעבופנטומ ווי א קלאס אפנ יעסאָד פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע. דער קלאסנקאמפ איג דאָרפ פארשארפט זיכ. אונ אינעמ דאָזיקנ קאמפ דארפ די קאָמונע זײַנ פילבאר אונ דורכפירנ אלע דירעקטיווג פונ פארטיי אונ סאָוועטנמאכט. גיט וויניקער וויכטיק איז פאר דער קאָמונע דורכפירנ דעמ צווייטנ באָלשעוויסטישנ פרילינג, וועלכער דארפ זיכ אויסדריקנ איג דער צוגרייטונג צומ פארזיי. דער פארזיי מוז ווערנ דורכגעפירט לויטנ לעניגישנ מעטאָד פונ סאָצגעוועט אונ שלאָגלערײַ. אויסער דעמ דארפ די קאָמונע אלס פיאָנערלעדישע הײַאָר לייזנ אויכ די פיטער־פראגע, ווי דער הויפּט־דינג פונ איר ווירטשאפט.

דידאָזיקע אלע שווערע אופגאבנ וועט די קאָמונע אפ וויַיטער אויספילנ, פונקט ווי זי האָט זיי אויסגעפילט ביזנ הײַנטיקנ טאָג. טראָט נאָכ טראָט, אונ דער רײַאָנ וועט ווערנ באזיגט. אונטערנ צייכנ פונ איינקײַט אונ מאָנאָליט־קײַט וועט די קאָמונע אונטער דער אָנפירונג פונ דער פארטיי אומאָפּהענגלעכ אויספילנ אלע אופגאבנ, וואָס זײַנענ אפ איר ארופגעלייגט געוואָרנ. קאָווער די בויער פונ בירָאבידזשאנ!"

זומער 1930 י. האָט די קאָמונע באזוכט א גרופּע רעזשיסאָרנ פונ א סאָוועטישער קינאָ־געזעלשאפט אונ צוגעזאָגט אײַנשליסנ די קאָמונע איג דער פילמ „בירָאבידזשאנ" וואָס ווערט צוגעגרייט. צוזאמענ מיט זיי איז אויכ געווענ אנ אמעריקאנער זשורנא־ליסט. אָפּט קומענ איג דער קאָמונע פאראנטוואָרטלעכע טוער פונ בירָאבידזשאנער געזערד, פונ כאבאראָווסקער קאָמערד, מאָסקווער כאווײַרימ, וואָס מוגטערנ אונ וועקנ.

דער מאָסקווער „געזערד" האָט אויסגעטיילט פאר דער קאָמונע א פאָנד אפנ נאָ־מענ אוורצאָמ רייזינ. אָבער נאָכ דעמ, ווי אוורצאָמ רייזינ האָט פאראטנ די רעוואָליר־ציאָנערע זאכ, האָבנ די איקאָרצעס צונעשיקט א בריוו, איג וועלכנ זיי האָבנ גע־בעטנ ענדערנ דעמ נאָמענ פונ פאָנד אפנ נאָמענ פונ דער קאָמוניסטישער צײַטונג „פרײַהײַט". דער מאָסקווער „געזערד" האָט פונ דעמדאָזיקנ פאָנד אײַנגעקויפט א ביב־ליאָטעק אונ געשיקט דער קאָמונע.

## נײַער לעבנ, נײַער שטייגער.

ס'פארשטייט זיכ, אז דער נײַער לעבנשטייגער פארנעמט איינעמ פונ די וויכ־טיקסטע ערטער איג קאָמוניסטישנ לעבנ פונ די איקאָרצעס. די בעשוטפעסדיקע אינ־טערעסנ גייענ ארויס וויַיטער פונ די בלויזע ווירטשאפטלעכע ראמענ אונ טראָגנ זיכ איבער אפנ בעשוטפעסדיקנ געברויכ, שפּײַזונג אונ קאָמונאלער באזאָרגונג. יעדער

קאָמונאַר פילט זיכ ווי א מיטגליד פונ איינ מישפּאָכע, פונ איינ ברידערלעכנ קאָלעקטיוו. ווערט עמיצער קראנק, זאָרגנ אלע יאטנ; טרעפט זיכ עפּעס א געשעניש, זײַנענ אלע אינ קורס פונ דער זאכ. אפ די יאָנטויווימ פונ דער קאָמונע פאָרנ זיכ צונויפ אסאכ אירע נעוועזענע מיטגלידער אונ מע איז צופרידנ, וואָס מע קאָנ זיכ פרייענ צוזאמענ—די פרייד פונ קאָלעקטיווער ארבעט אונ סאָציאליסטישנ ניצאָכנ.

דאָ דארפ מענ זאָגנ, אז עס זײַנענ נאָכ ניטאָ אלע באדינגונגענ פאר נאָרמאלנ לעבנ-שטייגער פונ די קאָמונארנ. ערשטנס,—מאנגל אינ ווינונגענ. די קאָמונארנ איז די ערשטע צײַט אויסגעקומענ לעבנ זייער ענג, צו 4—5 מענטשנ אינ א קליינעמ צימערל. אינ יאָר 1930, ווענ עס איז אויסגעבויט געוואָרנ דאָס נײַע הויז, האָט זיכ דער ווינונג־שעטעכ פארברייטערט, אָבער בלויז אפ א קורצער צײַט, ווײַל דער נײַער שטראָמ איבערוואנדערער האָט ניט בלויז פארנומענ דעמ פריערדיקנ ווינונג־שעטעכ, נאָר האָט אויכ פארכאפּט די נײַע קאָמונאלע געבײַדעס (קלוב, בעקערײַ).

אפ צו רעגולירנ די דאָזיקע פראגע האָט די פארוואלטונג פונ „איקאָר" געשאפנ א ספּעציעלע ווינונג־קאָמיסיע פונ 3 מענטשנ. די אופגאבע פונ דער קאָמיסיע איז אופזוכנ ערטער, צוגרייטנ בעטלעכ פאר די נײַע איבערוואנדערער, באזאָרגנ זיי מיט די נייטיקע זאכנ, אָרגאניזירנ א באָד אונ ד. גל. ביכלאל פילט זי אויס די ראָלע פונ א בריגאדע אפ אופנעמענ איבערוואנדערער. די אלטע קאָמונארנ קומט אויס אײַנקוועטשנ זיכ אונ ארײַננעמענ די נײַ־געקומענע.

צווייטנס,—די שפּײַז־פראגע. די קאָמונארנ האָבנ ניט קיינ שום זאָרג פאר שפּײַז אונ קליידונג. אפ צו באדינענ זיכ מיט אינדוסטריעלע סכוירעס האָט זיכ געעפנט אינ „איקאָר" א קאָאָפּעראטיווע קראָמ, ווי אנ אָפּטייל פונ בירָאָבידזשאנער רײַגעבוריכ־פארבאנד, וועלכער שטעלט צו די איקאָרצעס אינדוסטריעלע סכוירעס, אויכ דעפּיציטע סכוירעס. פאר א קאָאָפּעראציע־טוער איז ארויסגערוקט געוואָרנ א קאָמונאר. דרײַ מאָל א טאָג באקומענ די קאָמונארנ עסנ אינ דער געזעלשאפטלעכער קיכ, וואָס איז אינ אפּרעל 1931 פארוואנדלט געוואָרנ אינ א שיינעמ עס־זאל, די קיכ איז ניט ערגער אפילע פונ גרויס־שטאָטישע קיכנ.

אינמיטנ אפּרעל זײַנענ טעגלעכ דורכגעגאנגענ דורכ דער קיכ איבער 100 מענטשנ. (איצט איז מענ אריבער אפנ מעטאָד פונ טאלאָנעס), פונ זיי דארפ מענ רעכענענ אנ ערעכ 70 קאָמונארנ, 25 בוי־ארבעטער, סאָפּ אפּרעל האָט שוינ די קיכ באדינט ביז 90 קאָמונארנ אונ ביכלאל שטײַגט זייער צאָל.

מירנ אויסרעכענענ די געריכטנ, וואָס מע האָט דערלאנגט די קאָמונארנ אָנהייב יאָר 1931. פרישטיק: זופּ מיט גרויפּנ, קארטאָפל, קעז, טוואָרעכ, האָניק, מילכ. מיטיק פונ 2 געריכטנ: זופּנ, קאשעס, קארטאָפל, זעלטענער רינדנ־, כאזער־ אָדער שעפּסנ־פלייש, קרויט, „קעטא", געזאלצענע אונ ניטגעזאלצענע פיש. אָוונטברויט: קארטאָפל, האָניק, קעז. כוץ דעמ—טיי, מילכ אומבאגרענעצט. וואסער אינ קיכ ווערט צוגעשטעלט דורכ די ספּעציעלע וואסערפירער־קאָמונארנ, וואָס ווערנ באשטימט דורכנ ווירטשאפט־פארוואלטער. בא דער ארבעט זײַנענ באשעפטיקט 2 מענטשנ; עס קומט זיי אויס טעגלעכ אויסשעפּנ פונ געדעקטנ ברונעמ אנ ערעכ 600 עמערס (אָדער 120 בידאָנעס).

ווי שוינ פריִער געזאָגט, איז יעדערער פארינטערעסירט מיטנ לעבנ פונ די כאווײרים, מע איז אינפאָרמירט וועגנ יעדנ ניואנס אינעמ כאווערס לעבנ. אז א יאט, צ. ב., קווענקלט זיכ צופיל מיטנ „פארשרײַבנ זיכ“ מיט א כאווערטע, וואָס ער האָט זי אינ אויג, דערגייט מענ דער פאָר אזוי די יאָרנ, מע רופט זיי אָפט אזוי לאנג „כאָסנ־קאלע“,—ביז ביידע מוזנ זיכ סאָפקאָלסאָפ אנטשליסנ, מיט 2 יאָר צוריק האָט די פארוואלטונג ארויסגעגעבנ א פרעמיע 100 רובל איינ קאָמונאר, וואָס האָט זיכ דער ערשטער פארשריבנ (מיט א רוסישער קאָמונארקע). איצט איז שוינ דער מיטל נייטיק, ווײַל ביז איצט האָט זיכ שוינ ניט איינ קאָמונאר אונ קאָמונארקע פארעגיסטרירט אינ דאָרפסאָוועט. שוינ פאראנ 2 קליינע „איקאָרלעכ“ אינ דער קאָמונע (ראָזע אונ וולאדלענ — ראָזע ליוקסעמבורג אונ וולאדימיר לענינ). מע האָט אײַנגעאָרדנט עטלעכע „אָקטיאברינעס“.

באזונדערס דארפ מענ זיכ אָפשטעלנ אפ די רוסישע קאָמונארקעס (רוסישע קאָמונארנ זײַנענ אינ „איקאָר“ ניטאָ), וואָס געפינענ זיכ שוינ א לענגערע צײַט צווישנ די יידישע יאטנ. דאָ זײַנענ ס׳ראָיו דאָרפישע מיידלעכ, וואָס האָבנ אינ דער „טעטעלדיקער ראפינירטקײַט“ פונ די געקומענע קאָמונארנ ארײַנגעבראכט א היפשע דאָזע פראָסטקײַט אונ דאָרפישקײַט. זיי האָבנ זיכ אזוי גוט אײַנגעלעבט, די־דאָזיקע רוסישע מיידלעכ, אז זיי טראכטנ גאָרניט פארלאָזנ די קאָמונע. אָט איז א בילד פונ הײַנטיקנ זומער: מיט א קליינ פעקעלע אונטערנ אָרעמ איז געקומענ א מיידל. זי איז געוועזנ פונ רוסישער נאציאָנאליטעט. געזעצט זיכ אפנ טרעפל פונ צוזאמענוווינונג, האָט זי, ארופלאָזנדיק דעמ קאָפ אונטערגעשאָרענע פלאקסענע האָר, שטיל ארויסגערעדט.

— איכ בינ געקומענ צו אײַכ.

זי האָט אופגעהויבנ איר נאָכ קינדערשנ פאָנעמ אונ זיכ געבעטנ:

— נעמט מיכ צו, נעמט מיכ צו.

די יאטנ האָבנ באשלאָסנ צונעמענ. זיי האָט געפרײט, וואָס א רוסישע מיידל פונ די ארומיקע דערפער איז געקומענ לעבנ אינ דער קאָמונע. מע האָט זי גערופנ צומ טיש. זי האָט זיכ פארשריבנ. אינ א מינוט ארומ איז דאָס מיידל אוועק אינ צימער, האָט אוועקגעלייגט דאָס קלומעקל אונ באלד גענומענ איבערבעטנ די אײַליק־פארבעטע בעטלעכ, זי האָט עס געטאָנ אזוי רויִק אונ געוווינט, פונקט ווי זי וואָלט שוינ אָפגעלעבט אינ דער קאָמונע א היפשע צײַט. אז זי האָט געענדיקט, האָט זי זיכ גענומענ אופראמענ די צימערנ, דערנאָכ אוועק אפנ הויפ, אופגעזוכט די וועשערײַ אונ גענומענ העלפנ די מיידלעכ וואשנ. אירע בלויע אויגנ האָבנ אזוי מאָדנע געלויכטנ.

פארנאכט זײַנענ געקומענ אירע עלטערנ פונ שכיינעסדיקנ דאָרפ. זיי האָבנ זי גערופנ צוריק אהיימ. זי האָט זיכ געשטעלט אינמיטנ הויפ אונ האָט זיכ מיט א הארצרײַסנדיקנ קאָל צעיאָמערט.

— ניינ, ניינ, כ׳וועל שוינ אהיימ ניט גיינ!

איר איז דערעסנ געוואָרנ דאָס ענגע פארקאָפטשעטע שטיבל אונ שטענדיקע קריגערײַ. ס׳איז דאָרטנ אומעטיק. ס׳ווילט זיכ זײַנ צווישנ פרײַלעכע יאטנ, צווישנ „אייגענע“,—האָט זי געזאָגט אונ איז פארבליבנ אינ דער קאָמונע.

אָט אזעלכע פאקטנ זײַנענ ניט קיינ אײַנצלנע בא די קאָמונארנ. אלע פילנ זיכ דאָ טאקע ווי אייגענע. ווענ ווינטער איז קראנק געוואָרנ א רוסישער פויער, האָבנ

די ייִדישע מיידלעך געוואַכט באַם קראַנקנס בעט און ניט אָפּגעטראָטן פון אים, ביז ער איז געזונט געוואָרן.

דערפאַר איז שוין די באַציִונג צו אונטערייַסער, פּוסטעפּאַסניקעס און שעדיקער — גאָר אַן אַנדערע. עס גיסן זיך אַריַין פאַרשיידענע עלעמענטן אין די קאָמונאַרישע רייען. די אַוואַנטיוריסטישע טיפּן פליסן בעמיילעך אָפּ. עס בלייַבן יענע, וואָס זייַנען פייִק איבערגעקאָכט צו ווערן אין קאָלעקטיוויסטישן קעסל פון דער קאָמונע. צווישן



ווי מע שפּייַזט די קעלבלעך.

די פריִער-געקומענע קאָמונע-מיטגלידער געפינען זיך אויך קינדער פון געוועזענע קרעמער און קלייקוידעש, נאָר זיי האָבן איצט קיין שייַכעס ניט צו זייערע עלטערן. אָבער די פוילער א. ד. ג. ווערן טייקעף מיטן קאָמונארישן כוש דעמאַסקירט און אויסגעשלאָסן. „מיר דאַרפן אַרבעטער, ניט קיין פּוסטעפּאַסניקעס, — דערקלערן די איקאָרצעס, — מיר דאַרפן מענטשן איבערגעגעבענע צו דער ווירטשאַפט”. פאַר די לעצטע יאָרן זייַנען טאַקע געווען ניט איינצלנע אַזעלכע טויגעניכצן, וואָס זייַנען דערוויַיטערט געוואָרן. ווי געבראָכן פילט זיך יעדער ערלעכער קאָמונאַר, ווען ער טוט עפּעס אַ טאַט קעגן די אינטערעסן פון קאָלעקטיוו און מוז דערפאַר ענטפערן. צו דעם צוועק עקזיסטירט אַ כאַווייריִם-געריכט, וואָס באַשטייט פון איין ריכטער און צוויי בייַזיצער (איינגאַנצן זייַנען פאַראַן 13 בייַזיצער, וואָס בייַטן זיך לויט דער

דיי). דער געריכט האָט אנ אוטאָריטעט בא די כאַווײרימ. אינ אנדערע פאַלנ מישפּעט די פאַרוואַלטונג אַלײנ. א געזעלשאַפטלעכער פאָרוווּרפ ווירקט שטאַרק אפ די קאָמונאַדנ, אפ זײערע מײַסימ אונ אַרויסטרעטונגענ.

אנדערע געקומענע געסט, דעריקער פונ דער גרויסער שטאָט, האָבנ אָפט פאַריבל אפ דער ניטאַקוראַטנער קלײדונג פונ די קאָמונאַרנ. מע פאַרגעסט, אז די טאָגטעגלעכע אַרבעט אינ דער קאָמונע איז פאַרבונדנ מיט גײנ אַרומ פּי, קריכנ אינ בלאָטעס, אינ רעגנס, אינ אומרײנקײַט. עס איז אַזוי אויכ געווענ העלדישקײַט יאָגנ זיכ אינ גרויסנ פראָסט אונ ברענענדיקער היץ אינ צעריסענע שטיוול אָדער צעריסענעמ העמדל איבער קאָרטשעס נאָכ א בעהײמע אפ דער פאַשע, צי שפּרינגענ ביז האַלדז אינ די שטײענדיקע וואַסערנ פונ קאָמונאַרישנ הויפ. דערפאַר, אז עס קומט א יאָנטעוו, א יובילײ,—וואַרפט מענ אַראָפּ פונ זיכ די אַרבעט־בעגאָדימ, דער ראַזירער (אויכ א קאָמונאַר, וואָס ווערט דאַמאָלסט באַפרײַט פונ אנדערע קאָמונאַרישע אַרבעטנ), גאָלט אָפּ אפ א רײנ „פאַריקמאַכערישנ" אויפנ, מע נעמט אַרויס פונ די קעסטלעכ די פאַריכטע שיכ אונ קלײדער, וואָס דער קאָמונאַרישער שוסטער אונ שנײַדער האָבנ אײַליק צורעכט געמאַכט, אונ מע פּוצט זיכ אינ די פרויענ־צימערנ ביז אָנגעפּראָפּט. די באָכערימ זיצנ אונ „סוכאַרעווענ"[1], אנדערע לײענענ א ביכל פונ דער קאָמונאַרישער ביבליאָטעק. ערגער איז דאָס, וואָס צוליב מאַנגל אינ דירעס איז ניטאָ ווו צו לײענענ דעמ בוכ. דער לײענ־זאַל אונ דער קלוב זײַנענ אָנהײב 1931 יאָר געווענ פאַרנומענ מיט איבערוואַנדערער, פונאָנהײב זײַנענ זײ געווענ צעוויפּגעקוועטשט אפ די שמאָלע בעטלעכ אינאײנעמ מיט די פריער־געקומענע קאָמונאַרנ. ערשט פונ מײַ־כוידעש איז געוואָרנ געראַמער אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ בויענ א נײַ הויז. עס זײַנענ אויכ אָנגענומענ געוואָרנ מיטלענ אפ באַנײַענ דעמ לײענ־זאַל.

אינ דערזעלבער צײַט האָט זיכ געעפנט אינ דער קאָמונע א מעדיצינישער קאַבינעט, וואָס ווערט באַדינט דורכ א געהילפ־מעדיקער—א כאַווערטע, וואָס האָט געענדיקט דעמ ייִדישנ מעדיצינישנ טעכניקומ אינ הײַסינ (אוקראַינע).

די קאָמונע האָט אויכ געזאָרגט פאַר די קלײנע קינדערס וועגנ. קינדער זײַנענ שוינ פאַראַנ א גאַנצ היפּשע צאָל. ערשטנס, קומענ אָנ געזינדנ מיט קינדער (די צאָל געזינדנ האַלט זיכ אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער איבערוואַנדערונג אינ אײנ פאַרגרעסערנ). צווײטנס, האָבנ די אַמאָליקע באָכערימ באַוויזנ שאַפנ זיכ געזינדנ. דריטנס, קומט נאָכ צו קלײנוואַרג פונ די אַרבעטער, וואָס זײַנענ באַשעפטיקט. בא פאַרשײדענע אַרבעטנ אינ דער קאָמונע. אינ אַפּרעל 1931 זײַנענ געווענ 9 קינדער פונ יאַסלעעלטער אונ זיבנ פאַר דעמ קינדער־פּלאַצ. די קאָמונע האָט דעלעגירט א כ׳טע—

---

1) דער אויסדריק זאָל שטאַמענ פונ די וואָלאָטשײַעוועקער קאַמפנ, וואָס די פּאַרטיזאַנער אונ די רויטגווארדייער האָבנ געפירט אינ די יאָרנ 1920־1922 מיט די ווײַסע גענעראַלנ אונ די אימפּעריאַליסטנ אפנ הײַטנ מיזרעכ. די וואָלאָטשײַעווקער דאָרפ־מײדלעכ (ווי ביכלאַל די גאַנצע באַפעלקערונג) פלעגנ סימפּאַטיזירנ די פּאַרטיזאַנער אונ זײ ברענגענ אַלע טאָג פרישע סוכאַרעס; דאָס האָט זיכ אַזוי רעגולער איבערגעכאַזערט, אז ווענ אַמאָל פלעגנ די מײדלעכ פאַרשפּעטיקנ, פלעגנ די פּאַרטיזאַנער וויצלענ זיכ: ווו זײַנענ אונדזערע „סוכאַרניצעס". פונדאַנענ איז דער באַגריפ אַוועק ווײַט אפנ ווײַטנ מיזרעכ ווי א סינאָנימ פונ פאַרברענגענ מיט א מײדל, פלירטעווענ. אנדערע האָבנ אָבער דעמ אויסדרוק געהערט אַסאַכ פריִער פונ יאָר 1920 אונ גראַדע אפ א גאַנצ גרויסער טעריטאָריע פונ מיזרעכ־סיביר.

א קאָמונארקע אפ די קורסנ פונ קינדער־דערציִערנס קיינ כאבאראָווסק. זי האָט זיכ שוינ צוריקגעקערט אונ איז צוגעטראָטנ צו אָרגאניזירנ די יאסלעס, וואָס וועלנ דערווײַלע ארײַנעמענ בײדע קאטעגאָריעס קינדער סײַ פונ יאסליעס, סײַ פונ די קינדער־פלאצ אונ וועלנ זיכ עפענענ דעמ 1־טנ מײַ. די עלטערע האָבנ אפ א פארזאמלונג באוויליקט די יאסלעס אונ הייס באגריסט דעמדאָזיקנ באשלוס פונ בירָאָבידזשאנער רײַאָנישנ בילד־אָפטייל.

די שטייגער־באדינגונגענ זײַנענ אינ קאָמונע „איקאָר" נאָכ ווײַט ניט קיינ 100־פראָצענטיקע. דאָס ווירקט אפנ קולטור־מאצעוו, אפילע אפ דער ווירטשאפט. אָבער דאָכ איז איצט שוינ בעסער ווי פריִער. ניט אומזיסט האָט איינער אנ אלטער קאָמינאר דערקלערט: „אינ פארגלײַכ מיט פאראיאָרנ האָבנ מיר אסאכ דערגרייכט, מיר לעבנ אינ בעסערע באדינגונגענ, עס פירט זיכ א דיסקאָנט, עס איז געראמער אונ רייִנער". אינגיכנ וועט פארטיק א נײַ הויז, עס בויט זיכ דאָס סאָציִאליסטיש שטעטל אונ מע קאָנ זײַנ זיכער, אז אויכ אפ דעמדאָזיקנ „שמאָלנ" פראָנט פונ דער קאָמונארישער טעטיקײַט וועט מענ, דורכ דער אָנשטרענגונג פונ די שלאָגלער אונ אלע קאָמונארנ ענדגילטיקט זיגנ.

---

# דער סאָציאַלער פּאָנעם פון „איקאָר".

צום סוף לאָמיר פרובירן אנאליזירן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פון דער קאָמונע. לאָמיר זען, וואָס פאר א ענדערונגען זײַנען פאָרגעקומען אין דער באַוועגונג פון די קאָמונאַרן אין משך פון איר דרײַ־יאָריקער עקזיסטענץ, ווי האָט בעטעמעס די קאָמונע איבערגעשמאָלצן אין קאָלעקטיוויסטישן קעסל און אָרגאַניזירט אין דער סאָציאַליסטישער בויונג די קאָמונאַרן, וואָס זײַנען אהין אָנגעקומען. מע דאַרף געדענקען, אז די איצטיקע צאָל (90) האָט די קאָמונע דערגרייכט דורך פאַרשיידענע פּראָצעסן און ניט אלעמאָל גלייכאַרטיק: עס זײַנען געווען בײַטונגען, אָבער אויך אָפּפלוס אין אַפּריל 1928 האָט די קאָמונע אָנגעצײלט באַשטאַנט 14 יאָטן, סוף 1928—12, סוף 1929—25, סוף 1930—49, אין מאַרס 1931—65, ד. ה. עס איז פאָרגעקומען א פאַרגרעסערונג. פאַקטיש איז אָבער ניט געווען אזוי. אין משך פון יאָר 1929 זײַנען צוגעקומען אסאך מער פון 13 קאָמונאַרן. אזוי אויך אין יאָר 1930 צוגעקומען נים 24, נאָר א גרעסערע צאָל, נאָר יענע זײַנען אַוועקגעפאַלן.

מיט דער הילף פון אן אנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן די קאָמונאַרן, איז געלונגען פעסטצושטעלן די סיבות פון אָפּפלוס. עס באַקומט זיך אָט וואָס: ערשטנס, מעכאַנישע צוזאַמענשטעלונג און אויסשליסונגען. „איקאָר" דאַרף האָבן פּראָדוקטיווע מענטשן. די געבליבענע זײַנען אַנדערע, וואָס באַטראַכטן ניט דעם צוטרוי צו זיך און מע האָט זיי אויסגעשלאָסן. צווייטנס, דאָס צוריקפאָרן „אַהיים". ד. ה. מערסטנטייל קיין ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע. די דערשײַנונג דערקלערט זיך (לויט די מאָטיווירונגען פון די באַטייליקטע) מיט דער נייטיקייט צו שטיצן די ניט־אַרבעטספעיִקע געזינדן, וואָס זײַנען איבערגעלאָזן אין די אַלטע היימען. דריטנס, איבערגאַנג אין פאַרשיידענע אַרבעטן, ווי אַרויסגערוקטע אין פאַרטײַישער, קאָמיוגישער און סאָוכאָזישע אַרבעטן. פערטנס, א טייל איז געפאָרן זיך לערנען. די לעצטע צײַט האָבן שטודירט און פאַרשיידענע שולן פון ווײַטן מיזרח 13 יאָטן. פון די שטודירנדיקע לערנען זיך א טייל אין בירעבידזשאַנער יידישן טעכניקום פאַר סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט און נײַ־פאָלטאַווקער יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט, אין כאַבאַראָווסק, ווירניסק, בלאַגאָוועשטשענסק און אַנדערע. פינפטנס, די אַרמיי. די קאָמונע „איקאָר" איז ביז איצט געווען א יוגנטקאָמונע און האָט דעריבער אין משך פון דער צײַט ניט איין מיטגליד איבערגעגעבן אין די רייען פון דער אַרמיי און פלאָט.

בענויגײיע דער פראגע, ווו זהינ פארנ די אפגעפלאסענע, ווארפט זיכ אינ די אויגנ אזא פאקט: אינ דער צײט, ווענ די גוטווילליק אפגעלאזענע קאמונע־מיטגליי־דער, ד. ה. יענע, וואס די קאמונע האלט נאר מעגלעכ צוליב פאמיליענ־טײמימ צו באפרײענ, פארנ טאקע צו זייערע פאמיליעס אפ מײרעוו, בלײבנ די אויסגעשלאסענע דעריקער אפנ ווײטנ מיזרעכ. דאס איז דערפאר, וואס די אויסגעשלאסענע זײנענ מערסטנטייל כעוורע, וואס האבנ ספעציעלע, באשטימטע „צילנ”. מע קאנ זיי טאקע דערנאכ באגעגענענ אפ סאכאלינ, קאמטשאטקע, אינ וולאדיוואסטאק. די קאמונע איז פאר זיי געווענ ניט מער ווי א טראנזיט־פונקט אפנ וועג.

לויט דער צײט קומט אמערסטנ פאר דער אפפלוס אינ די הארבסט־כאדאשימ. ערשטנס, דערקלערט זיכ עס מיטנ אנהייב לערניאר, ווענ קאמונארנ צעפארנ זיכ אינ די שולנ. צווייטנס, מיטנ הארטנ ווינטער, ווענ די „פרייד פונ ארבעט” גייט ארײנ אינ מער סטאבילע, אזוי צו זאגנ, „מאנאטאנע גרענעצנ”.

צווישנ די אפגעפלאסענע איז דער פראצענט קאמיוגיסטנ אסאכ א קלענערער, ווי אומפארטייישע. פארקערט, די קאמיוגיסטנ, ווי מער דיסציפלינירטע כעוורע, פאר־לאזנ אמווייניקסטנ די קאמונארישע רייענ אנ א וויכטיקער סיבע. אינטערעסאנט, אז די יעניקע, וואס האבנ פארלאזנ די קאמונע, זײנענ קימאט אלע פונ גרויסע שטעט, ווו די קולטור־שטייגערישע באדינגונגענ זײנענ דערווײל אסאכ בעסער, ווי אינ דער טײגע. צווישנ די קאמונארנ, וואס זײנענ געבליבנ, פרעוואלירט דעריקער אנ עלע־מענט, א געקומענער פונ קליינע שטעטלעכ אונ דארפ. דעמדאזיקנ עלעמענט איז גרינגער צופאסנ זיכ צומ דארטיקנ לעבנ. עס באמערקט זיכ (אפ וויפל מע קאנ אורטיילנ פונ אזא קליינצאליקנ מאטעריאל), אז קינדער פונ קוסטארנ אונ פועלימ האבנ א גרעסערע רעלאטיווע טענדענצ צו בלײבנ ווי אנדערע שיכטנ.

לאמיר איצט פרווונ מאכנ אויספירנ וועגנ איצטיקנ קאמונארנ־באשטאנד. די יאטנ זײנענ ס׳ראוו אלע פונ יונגנ עלטער (ערשט די לעצטע צײט הייבנ זיכ אנ ארײנגיסנ גאנצע געזינדנ, וואס זײנענ בעטעווע אײנגעזעסענע)—פונ 18 ביז 25 יאר. ס׳ראוו האבנ זיי ניט קיינ פוריענ. דאס איז פארשטענדלעכ, ווײל די איבערוואנדע־רונג קיינ ביראבידזשאנ איז ביז איצט געווענ א פיאנער־איבערוואנדערונג אונ האט זיכ רעקרוטירט דערהויפט פונ מאנצביל. די קאמונע באשטייט דורכויס פונ יידישע יאטנ, אויסער די 2 רוסישע מיידלעכ פונ די ארומיקע דערפער, וואס פילנ זיכ זייער גוט אינ דער סוויווע פונ די יידישע קאמונארנ. די צאל קאמיוגיסטנ באטרעפט אנ ערעכ 35 פראצענט (פאראנ דערווײל בלויז איינ פארטיי־קאנדידאט). דערבײ דארפ מענ דערמאנענ, אז די ערשטע 14 כעוורע—פיאנערנ פונ יאר 1928—זײנענ קימאט אלע געווענ קאמיוגיסטנ. שפעטער האבנ אנגעהויבנ אנקומענ אומפארטייישע, וואס א טייל פונ זיי זײנענ ארײנגעטראטנ אינ קאמיוג. מיטגלידער פונ פאריינע זײנענ פארנ קומענ געווענ 39 פראצענט. די איבעריקע האבנ נאכ ביכלאל ערגעצ ניט געארבעט פארנ ארײנטרעטנ אינ דער קאמונע, עטלעכע האבנ ניט געקאנט גע־הערנ צו א פאריינ צוליב זייער סאציאלער לאגע.

אינטערעסאנט איז די אנ א שיר פראפעסיעס, וואס די קאמונארנ האבנ פריער פארמאגט. קעדײ אויסצורעכענענ עטלעכע פונ זיי: שלאסער־רעכענונג־פירער, זאקנ־מאכער־פויער, טשוועקעסמאכער־קאנפעקטנ־ארבעטער, וועבער־בויער, פארמאצעווטנ

און אנדערע, די „פילפראָפעסיעדיקייַט" בא איינ און דעמזעלבנ קאָמונאר, און נאָכ וועלכע? אזעלכע, וועלכע עס זייַנענ לויט זייער קוואליטעט גאנצ ווייַט איינע פונ די אנדערע. און דאָס כאראקטעריזירט אמבוילעטסטנ די „עקאָנאָמישע שטאנדהאפטיקייַט" פונ די „פראָפעסיאָנאלנ" און ווארפט א געוויסנ שייַנ אפ דער מייַאָריטעט פונ דער בירָאבידזשאנער איבערוואנדערונג ביכלאל.

אפילע שריפטקענעוודיקייַט קאָנ מענ באגעגענענ בלויז בא 54 פראָצענט. די איבעריקע זייַנענ אינגאנצנ אנאלפאבעטנ אָדער ווייניק־גראמעטנע; אזעלכע זייַנענ ס׳ראָוו די נייַ־אָנגעקומענע יאטנ—האָרעפאשניקעס פונ שטעטל, די אָרעמשאפט. (צווישנ די אנאלפאבעטנ ווערט געפירט אנ ארבעט צו ליקווידירנ זייער אמעראצעס; אָבער די גרויסע צאָל ווייניק־גראמעטנע באווייַזט, אז דער בילדונג־צושטאנד פונ די קאָמונארנ איז ניט קיינ באפרידיקנדיקער).

וואָס איז שייַעכ דער שפראכ קאָנענ אלע 100 פראָצענט שריפטקענעוודיקע לייענענ און שרייַבנ רוסיש. פונ זיי בלויז 52—אפ יידיש. די געקומענע פונ ווייַסרוסלאנד און פונ מייַרעוודיקנ טייל אוקראַינע האלטנ יידיש פאר זייער מוטערשפראכ; די מערהייַט פונ זיי זייַנענ שטעטלדיקע און דאָרפישע; פונ שטאָט—ווייניקער.

קימאט אלע קאָמונארנ דערקלערנ זייער קומענ קיינ בירָאבידזשאנ מיט דער שטרעבונג צו דערגרייכנ באשטימטע מאטעריעלע, עקאָנאָמישע צילנ, ווי באקומענ קוואליפיקאציע, ארייַנגעצויגנ ווערנ אינ דער פראָדוקציע, פארנעמענ זיכ מיט פיזישער ארבעט און דאָסגלייַכנ. דאָס כאראקטעריזירט אמבוילעטסטנ אונדזער איבערוואנדערונג, וואָס איז אנ עקאָנאָמיש־מאטעריעלע אינ קעגנזאצ צו די קלוימערשטע „אידעאלנ" פונ ציעניסטנ, וואָס פארדעקנ מיט דידאָזיקע „אידעאלנ" זייער קלאסנ־מעהוס. לויטנ סטאזש פונ געפינענ זיכ אינ בירָאבידזשאנ דאָמינירנ איינ יאָר און צוויי יאָר, פונ די 3־יאָריקע—14 פיאָנערנ (די איבערוואנדערונג האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ מייַ 1928 י.) זייַנענ סאכאקל געבליבנ 2. די איבעריקע לערנענ זיכ קימאט אלע, ווי געזאָגט פריער, אינ שולנ. די צאָל געזינדנ איז אינ „איקאָר" ביז איצט געווענ א קליינע. פארנ לעצטנ יאָר האָבנ זיכ אָפגעשריבנ 7 קאָמונארנ מיט 7 קאָמונארקעס. ערשט איצט הייבנ אָנ צוקומענ גאנצע געזינדנ.

כאראקטעריסטיש זייַנענ די אָפרופנ פונ די איקאָרצעס וועגנ זייער קאָמונע. עס ווייַזט זיכ ארויס, אז דעריקער קלאָגט מענ זיכ אפ די שלעכטע קולטשטייגערישע באדינגונגענ, וויגונג־שוועריקייַטנ, וואָס זייַנענ באמ הייַנטיקנ טאָג דער הויפט־זאָרג פונ די געהעריקע בירָאבידזשאַנער אָרגאנענ און איז ארויסגערופנ דורכ ארבעטנ אינ נייַע שווערע באדינגונגענ פונ טייַגע. אינ צוזאמענהאנג דערמיט ווערנ אויכ ארויסגערוקט די טייַנעס צו די ווירטשאפט־ און בויונג־טעמפנ. פאקטיש זייַנענ די שטייגער־באדינגונגענ פארבונדנ מיטנ וווינונג־קריזיס, בעסער געזאָגט, צוליב מאנגל אינ דירעס לייַדנ די שטייגער־באדינגונגענ און די קולט־אופקלער־ארבעט.

אָבער די מערהייַט האלט פאר נייטיק שוינ בא הייַנטיקנ טאָג צו דערקלערנ די לאגע אינ „איקאָר" פאר „גוט", אפילע—„זייער גוט". עטלעכע ענטפערנ פאָשעט, אז זיי האָבנ „נאָכ ניט באוויזנ צו דערלערנענ".

וועגנ ביראָבידזשאנ ביכלאל: ווי עס ווייַזט זיכ ארויס פונ די באקומענע ענטפערס, איז די מערהייַט צופרידנ פונ ביראָבידזשאנ. אייניקע ווייַזנ אָנ אפ די נאטירלעכע רייַכטימער פונ לאנד, אפ די מינעראלנ, געהילצ, פיש, וואָס מע קאָנ אויסנוצנ. אנדערע מאכנ אופמערקזאמ אפ די גוטע קלימאטישע באדינגונגענ, אפ דעמ, אז דאָס לאנד דערוואַרט א גרויסע צוקונפט, אז מע קאָנ דאָרט אנטוויקלענ א גראנדיעזע בויונג. אייניקע זאָגנ, אז דאָס לאנד „געפעלט", אז זי איז א „צוקונפט־לאנד". דערבייַ ווערנ דאָ אויכ אונטערגעשטראָכנ די שוואכע טעמפּנ פונ בויונג. אפ די פרעסט אונ גנוס מאכנ אופמערקזאמ עטלעכע מיט א באמערקונג, אז זיי זייַנענ ניט שרעקלעכ. א טייל האלטנ, אז מע דארפ בעסער באזאָרגנ די איבערוואנדערער, וואָס קומענ אינ דעמ נייַעמ לאנד.

מיר זעענ, אלזאָ, באשייַמפּערלעכ, ווי אינ פארלויפ פונ א יאָר־צוויי ווערנ יונגע עלעמענטנ פונ דער אָרעמשאפט אונ א גרויסער טייל ווייניק־גראמעטנע (א ירושע פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג), מיט צופעליק אָנגעכאפּטע פּראָפעסיעס, אריינגעצויגנ אינ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט, פארגרעסערנדיק דעמ אקטיוונ געזעלשאפטלעכנ קויעכ פונ פּראָלעטאריאט. פונ דידאָזיקע פּאָליטיש־אינדיפערענטע ווערנ אסאכ קאָמיוגיסטנ שוינ אינ ערשטנ יאָר פונ זייער קומענ.

מע קאָנ אָנעמענ (מיט א געוויסער וואַרשייַנלעכקייַט), אז פונ די געקומענע אונ אייַנגעאָרדנטע — ניט רעכענענדיק יענע, וואָס פאָרנ אָפּ טייקעפ נאָכנ קומענ — פאלנ אָפּ אנ ערעכ 50 פּראָצענט. ס'ראָוו בלייַבנ געזינדנ. אויכ די געזינדנ, וואָס האָבנ זיכ געבילדעט אפנ אָרט, האָבנ גאָר א קליינעמ טענדענצ צומ אָפּפלוס. דער פרויענ־טעקסטער איז ביז איצט געווענ א קליינער. דאָס האָט אינ א געוויסער מאָס געווירקט אפנ אָפּפלוס פונ די מאנצביל־פּיאָנערנ. אָבער די לעצטע צייַט איז שוינ די צאָל פרויענ א גאנצ נישקאָשעדיקע. דער רייַאָנ אינ דער קאָמונע (לויט דער אטעסטאציע פונ די איקאָרצעס), צוליב זייַנ גינסטיקער עקאָנאָמישער לאגע, נאטירלעכע רייַכטימער אונ אנדערע באדינגונגענ, איז צוגעפּאסט ניט בלויז צו ערדארבעט, נאָר אויכ צו אנטוויקלענ אנדערע צווייַגנ פונ דער פאָלקווירטשאפט. א באווייַז — דאָס סאָציאליסטישע שטעטל, וואָס בויט זיכ אפ יענער טעריטאָריע.

* * *

ווי מיר זעענ, האָבנ די 3 יאָר ארבעט באשטעטיקט די ריכטיקייַט פונ די באשלוסנ פונ די סאָוועטישע אָרגאנענ וועגנ פּראָדוקטיוויזירנ אונ געזונטמאכנ די ייִדישע אָרעמשאפט, ווי אויכ די יוגנט. דאָס זעענ מיר פונ דער סטאטיק אונ דינאמיק פונ „איקאָר".

אינמיטנ פונ יאָר 1931 איז די קאָמונע פונ 25 מענטשלעכע אייגנס (סאָפּ 1929) אויסגעוואקסנ ביז 90 אָרגאניזירטע מיטגלידער. די ווירטשאפט, וואָס האָט לעכאטכילע געציילט בלויז איינצלנע עקזעמפּליארנ פּי, האָט זיכ פארוואנדלט אינ א מאָדערנער ווירטשאפט מיט 115 בעהיימעס, 250 כאזיירימ, 25 פערד, גרויסע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, 2 טראקטערס, 2 גרויסע הייַזער. מע האָט אויסגעקאָרטשעוועט העכער 30 העקטאר ערד אונ פארזייט 75 העקטאר פארשיידענע קולטורנ: ווייצ, קארטאָפל, גערטנערייַ, גריקע א.א.וו. די קאָמונע איז אָנגענומענ אינ כאבאראָווסק: זי

באזאָרגט כאבאראָווסק רעגולער מיט מילכ־פּראָדוקטנ. זי האָט אָפּגעגעבנ דער קאָאָ־פּעראַציע הונדערטער פּוד „קעטאַ" אונ רויג. יונגע קאָמונארג־שלאָגלער זײַנענ געשיקט געוואָרנ זיכ לערנענ אינ פאַרשיידענע שולנ. אײנגיכנ וועט אַ טייל זיכ אומקערנ מיט פרישע קענטענישנ אונ דערוואָרבענער פּראַקטיק אונ צוזאַמענ מיט זייערע אַלטע אונ נײַע כאַווייִרים פאַרברייטערנ דעם פאַרנעם פונ דער קאָמונע. די קאָמונארנ האָבנ זיכ געשטעלט ריזיקע אויפגאַבנ: פאַרגרעסערנ דעם כאַזיירים־באַשטאַנד, אַפ 400 מוטערס, אויסקאָרטשעווענ אונ אויסטריקענענ היפּשע בלאָטעס. זי האָט זיכ אײַנגעשלאָסנ אינ סאָצגעוועט מיט די 3 ייִדישע ריִאָנענ אונ קרים. מע דאַרפ האָפנ, אַז איצט וועלנ זיכ די „איקאָרצעס" אונטער דער אָנפירונג פונ זייער קעמערל זי נעמענ מיט גרע־סערנ טעמפּנ פאַר דער אַרבעט אונ זאָגנ דעם קאָמיוגישנ וואָרט: „אַז מע דאַרפ, קאָנ מענ!"

קענדיי אויסצופילנ דעם אָנגעמערקטנ פּלאַנ פאַרנ סאָציאַליסטישנ בירעבידזשאַנ, דאַרפנ די שלאָגלער האָבנ אַנ אַרמיי פונ נײַע שלאָגלער־באַלשעוויקעס, יאַטנ פונ שטעטלעכ, פונ אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד, וועלכע זאָלנ קומענ אַרבעטנ אונ בויענ דעמ ראַיאָנ פונ ייִדישער איבערוואַנדערונג.

די ברייטע פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט פונ פ.ס.ס.ר., די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מוזנ קומענ צוהילפ דער קאָלאָניזאַציע סײַ מאַטעריעל, סײַ אידייִש. דער אָנהייב איז געמאַכט. די ייִדישע אַרבעטער פונ אַמעריקע בויענ אַ סאָציאַליסטישנ מוסטער־שטעטל אַרומ „איקאָר", אָבער דאָס איז ווייניק!

ייִדישע פּראָלעטאַריער, האָרעפּאַשניקעס אונ אַרבעטנדיקע פונ גאָר דער וועלט, אונטער דער אָנפירונג פונ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ—שליסט ענגער די רייענ אַרומ פ.ס.ס.ר., ווו אונטער דער אָנפירונג פונ דער אַל.ק.פּ.(ב) קומט פאָר אַ גראַנדיעזע היסטאָרישע סאָציאַליסטישע שאַפונג, צעשמעטערט די קלאַסנ־סאָנימ פונ דער פּראָ־לעטאַרישער דיקטאַטור, דעמאַסקירט די פּאָליטישע אַגענטור פונ אימפּעריאַליזמ, באַקעמפט די ציוניסטישע פּאַלעסטינע־אַוואַנטיורעס. לאָמיר באַ די ברעגנ פונ פּאַ־ציפישנ אָקעאַנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ פאַרשטאַרקנ די סאָציאַליסטישע בויונג, לאָמיר פאַרפעסטיקנ דעם סאָציאַליסטישנ בירעבידזשאַנ.

מיט דעמ וועט אַרײַנגעטראָגנ ווערנ אַ כיילעק אינ דער בויונג פונ סאָוועטנ־פאַרבאַנד, דעם פאָטערלאַנד פונ אַלע אַרבעטנדיקע!

---

# אינהאלט.


פאָרוואָרט

**א קאַפּיטל געשיכטע**

„לאָמיר ווערנ פּיאָנערנ"

אינ וועג

די ערשטע באגעגעניש

דורכ ארבעט—געזיגט

אפנ נייעמ באָדנ

**די קאָמונע—היינט**

צום אמור נאָכ היי

דאָס קאַרטאָפּעלע

די בעהיימעס—די ליבלינגענ

כאַזיירימ בא יידישע קאָמונארנ

זאָרגפעליקייט צו „סטאטעס"

מיט פיש־נעצ איבער טונגוסקע

גערטנעריי

די לעגענדע וועגנ „אייביקער פארפרוירנקייט"

פּארזייי־קאמפּאניע

אפנ בויונג־פראָנט

טראקטערס אפ רויערד.

ארבעטער צוהילפ די קאָמונארנ

אָרגאניזאציע פונ ארבעט

מיט נייע מעטאָדנ פונ סאָציאליסטישער ארבעט

קולטארבעט—א וויכטיקער בעבינט

די פרויענ שטייענ ניט אָפּ

אונטער דער אָנפירונג פונ קאָמיוגישנ קעמערל

זאָל לעבנ די פּראָלעטארישע סאָלידארישקייט!

נייער לעבנ, נייער שטייגער

**דער סאָציאלער פּאָנעם פונ „איקאָר"**